# לשון און לעבן

## חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 5־4 (העפט 5־424) אכט און צוואנציקסטן יאר אפריל־מאי לאנדאן

א י נ ה א ל ט :


לכבוד פסח און דעם 19'טן אפריל ... °° 2

געטא־מאטיוו ... אברהם סילקעס 9

פאר וועמען? (ליד) ... יוסף הלל לעווי 11

מיט מיין הארץ ... שמואל יוסף עגנון 12

פרילינג (לידער) ... עלא זילבערג 14

פאטריאטקעס און פסח פאלקלאר ... יעקב ריכטיגער 15

א גליל פרילינג־הארא (ליד) ... דוד בערמאן 19

די נישט־פארענדיקטע סימפאניע (דערציילונג) ... יוסף די באסט 20

מיין געבוירנטאג (ליד) ... יוסף לעפטוויטש 23

א זעקעלע ארץ ישראל ערד (דערציילונג) ... וואלף מאנקאוויטש 24

פאעזיע (פאעמא) ... יוליאן טווים 27

דער בלינדער לאטעריע־צעטל פארקויפער אין ניצע (דערציילונג)
משה בעקערמאן 28

דער בעכער (לידער) ... שמואל וואהייט 30

בראשית — אין אנהויב (פראזע) ... א. נ. שטענצל 31

איינדרוקן פון א מדינת־ישראל־נסיעה ... אייזיק גאלדבערג 39

ש. איזבאנס היסטארישער ראמאן „יריחו“ (רעצענזיע) ... ש. י. דארפזאן 43

עווא זיידמאן ע"ה (נעקראלאג) ... הערי אריעל 45

עווא זיידמאן (פאטא) ... 46

דער פידלער אויפן דאך, א רעדאקטאר גיט זיך אן עצה... א ווארט צום
טאג פון דר. אדענאוערס טויט ... ש. 47

שטענצל — א בן־שבעים ... איט"א בוליעטין 49

לאנדאנער קולטור ידיעות

יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס


רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

פרייז 2 שילינג

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.*1

## לאנדאנער קולטור - ידיעות

דער נייער לאנדאנער טשיף ראביי הרב דר. עמנואל יאקובאוויטש איז דעם חודש, דעם 11'טן אפריל, אריינגעפירט געווארן אין זיין אמט פון געוועזענעם טשיף־ראביי הרב דר. ישראל ברודיע. מיר האפן, אז דער נייער טשיף ראביי וועט אנגיין מיט דער טראַדיציע פון פריערן טשיף ראביי, מיט וואַרעמען באציאונג צו יידיש, צו מאמע לשון און יידישע קולטור און ליטעראטור.

• • •

אויפן דיאלאג מכוח די יידישע קולטור אין בריסל און אין אנטווערפן איינגעארנט פונם יידישן וועלט קאנצערט האבן זיך באַטייליקט לאנדאנער שרייבער און קולטור־טיער: דר. מייטליס, ש. גאלדשמיד, מיכאל זילבערבערג, יוסף פרענקל, י. זאנטאג, לעס־לי באר, בר כוכבא נאראד א.א.

• • •

אויף דעם אוונט לכבוד דעם 75 געבוירנ־יאר פון שלמה בירנבוים איינגעארדנט פונם לאנדאנער יוניווערזיטעט האבן גערעדט דר. יעקב מייטליס, דר. מאיר גערטנער, יוסף לעפטוויטש, א.א. דעם פארזיץ האט געפירט פראפעסאר דר. ווייס.

• • •

די אקטריסע העלענס קאוט וועט לייענען שלום עליכמס בארימט דערציילונג „שיר־השירים" אין בן־אורי גאלערי זינטיק, דעם 14'טן מאי 8 אזייגער אין אוונט.

• • •

יוסף לעפטוויטש אין דער באגלייטונג פון זיין פרוי איז אפגעפארן אויף אייניקע וואכן קיין ניו־יארק.

• • •

ביי א סימינאר ביים דער יידישע קולטור, געזעלשאפט איז געווען אן אוונט געווידמעט די יידישע קדושים שרייבער פון סאוויעט־רוסלאנד. עס האבן גערעדט יוסף לעפטוויטש, דר. מאיר גערטנער, י. ח. קלינגער. יוליאן גאלד האט לידער פון די קדושים־דיכטער. דעם פארזיץ האט געפירט מר. יעזשערסקי.

• • •

ביי די שבת נאכמיטאגס זיינען אנגעהאלטן געווארן צו די יארצייטן פון י. ה. לעווי, ש. פאלמע און קייטי בראון וואס פאלן אויס אין אפריל חודש. מ'האט פארגעלייענט פון זייערע ווערק. לזכר פון 29'טן אפריל דריקן מיר אויך אין היינטיקן אפריל־נומער, א חורבן־ליד פון י. ה. לעווי.

• • •

מנשה ווייסגראז און זיין פרוי מילי זיינען עולה רגל קיין ישראל אויף פסח און יום העצמאות.

• • •

מיכאל זילבערבערג דער סעקרעטאר פון ייווא פארט נאך ישראל אין ענינים פון יד־ושם.

• • •

יוליאן גאלד פארט מיט זיין פרוי אויף א באזוך קיין ישראל, מסתם וועט ער דארט אין קול־ישראל אויפטרעטן מיט זיין פראגראם פון יידישע קלאסקער און מאדערנע דיכטונג ווי דאס פאריגע מאל אויף זיין באַזוך אין מדינת־ישראל — מיט זיין פראגראם פון יידישע פאלקס לידער.

• • •

פערגאנגענעם חודש איז געשטארבן אין לאנדאן דער פאעט מאקס הערשמאן, ער איז אלט געווען 77 יאר.

• • •

דעם 28'סטן מאי טרעטן אויף די חברים־גרופע אויף א פאלקלאר־אוונט ביי דער קול־טור געזעלשאפט ביי די פועלי ציון.

---

## אריאל וויינרייך ע.ה.

אונזער טיפן מיטלייד דריקן מיר אויס צו פראפעסאר דר. **מאקס וויינרייך** צום פארלוסט פון זיין זון פראפעסאר דר. **אריאל וויינרייך**. די אבידה איז נישט נאר פאר דער משפחה, נאר א גרויסער פארלוסט פאר דעם יידישער ליטעראטור.

לשון און לעבן

---

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 5־4 (העפט 5־424) אכט און צוואנציקסטן יאר אפריל־מאי לאנדאן

## אליהו הנביא

(פאר די קדושים־העלדן פון ווארשעווער געטא־אויפשטאנד)

ווען אליהו אין זיין רייטוואגן,
אויפן הימל ארויפגעקומען,
האט מען אים, — טאקע אמת א נביא! —
פאר בית־דין של מעלה גענומען:

היתכן, מ'הרגעט פיר הונדערט נפשות,
נו, האבן זיי געדינט צו געצן;
א מענטשענס לעבן איז אבער לעבן,
און ס'מינדסטע, ס'ערגסטע מוז מען שעצן.

א צאן פארלעצן איז „שן תחת שן",
און פאר א מענטשן־לעבן — כ'לעבן!
אפצוקומען פאר פיר הונדערט מארדן,
דער מינדסטער פסק: אייביק צו לעבן.

אויב שבעים־שנה־לאנג מיינט מוטשען זיך,
אז רק וועלן, אז רק באגערן —
פאר באגיין אן ארבע מאות מארדן,
זיך מוטשען קיינמאל נישט אויפהערן.

אויסגעהערט, אין בארד אריין געשמייכלט:
נאך הינטן געגוג פאלטשע פראפעטן...
און זיין האנט האט תאוהדיק ציטערדיק,
זיין שארפע האק גענומען גלעטן.

פאר גאטס גנאדיקע און גוטע אויגן
קיין שום זאך, א האר נישט פארהוילן:
אליהו הגלעדי, תשבי,
וועסט מיט האקן קעפ גארנישט פועלן.

כ'זע דאך ווי ציטערדיק דו גלעטסט די שארף,
קאנסט עס מיט נעמען, קאנסט עס האלטן,

פאר אן אלטן יידן, אן ארעמאן,
א קלאפטער האלץ אויף שייטערס שפאלטן.

כ׳זע דאך ווי ציטערדיק דו גלעטסט ס׳העקל,
אזא תאוה מיט בלוט טוט שמעקן —
אויף בריתן וועסט מיטן רך־הנימול,
„בדמיך חיי״! דיך באלעקן.

דער לייכטער וויך, כביכול, זייער שווער,
אין אליהו׳ס הארץ געטראפן,
און איבערן כסא הכבוד איז,
א בליץ פייערדיק דורכגעלאפן.

פאר גאטס גנאדיקע און גוטע אויגן,
איז דאך קיין שום זאך נישט פארבארגן,
און אליהון גענומען טרייסטן:
אויף מארקן, ירידן און טארגן.

ווען שכורע פויערים זיך צעהיצן,
וועסט דיין האק א נעם ארויסגעבן — —
בלויז נאר פאכען, מיט איר שארפקייט בליצן:
דאס טייערסטע, א מענטשלעך לעבן.

געבויגן אליהו געשטאנען,
פון זיינע אויגן טריפן טרערן:
אל רחום, און יידיש לעבן וואס איז?
קאנסט דו מיר דאס אפשר אויפקלערן?

דעמלט האט זיך כביכול, גאט ברוך הוא,
פון כסא־כבוד אויפגעהויבן:
אליהו, זעץ דיך אויף מיין „כסא יה״!
און מיט א שלאכצן אנגעהויבן:

נעם דאך מיין הארץ און ווי א ליפע האלץ,
טו עס אדורכשפאלטן אויף צווייען — —
א, איך קאן דאך שוין מער נישט אויס האלטן,
פון מיינע יסורים און ווייען . . .

יא, נישט פון גאלד כ׳בין און נישט פון זילבער —
א געגאסענער געץ פון טרערן!
אז איך קאן מיך איינהאלטן און צוזען,
מיינע קינדער געשחטן ווערן — — —



א גרויס רחמנות ס׳האט אליהון,
אויף גאט ברוך הוא ארומגענומען,
און מיט זעלבן רייטוואגן וואס ארויף,
איז ער צוריק אראפגעקומען.

און פסח אויף דער נאכט, שפעטביים סדר,
ווען „שפוך חמתך״ יידן זאגן,
ברענגט ער געהיים אין יעדער שטוב אריין,
זיין שארף־צעגלאנצטע האק צו טראגן.

## דער מצה - סימבאל

מצה זו שאנו אוכלים על שום מה״ — (הגדה של פסח)

איבער דריי טויזנט יאר פון קנעכטשאפט שוין באפרייט!
און אויף לעבן און טויט מיר שטייען נאך אלץ גרייט,
פאר כזיתל־פיצל לחם־עוני ברויט,
פאר קרייטעכצל־בלעטעלע שטיקל ביטער קרויט,
ווי פון טאטעס צו קינדער דור צו דור דערציילט — —
אזא פאלק איז פון דער אייביקייט אויסדערוויילט!

פון שבטים אן אומה אויף גיך צונויפגעשטעלט,
א ווינט צעשיקט אין אלע ארבע רוחות וועלט;
ווי וויט געוואנדערט פארוואונדיקט די פיס געשפרייזט,
ביז גאנצע וועלט וועט ווערן באפרייט און דערלייזט —
עס הענגט די זון בייטאג די לבנה ביינאכט,
גאטס־צייכן איבער וועלט אין איילעניש געמאכט:

און וועט ער זיך נישט באפרייען דער מענטשן קנעכט,
אן עבד בלייבן, איז חס וחלילה רעכט,
ווי דער ים דעמלט, עס וועט זיך שפאלטן די ערד,
און דער גאנצער בן־אדם מין אפגעמעקט ווערט.
און זיין מי — א כזית ס׳זאל בלייבן דערפון!
און זיבן מאל ליכטיקער לייכטן וועט די זון,

אן פגימה דעמלט און גאנץ וועט לבנה זיין:
א וועלט אן קנעכטשאפט, אן דערנידריגונג, אן פיין,
און א מענטש אויף א מענטש נישט הייבן מער קיין קנוט —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
גאט, האט זיך בחנם געגאסן אונזער בלוט?!
טויזנטער יארן געוואגלט ווו נאר אן עק,
בריונים, אן שום זין, אן שום ניץ, אן שום צוועק.

זיך פארקנאטן מיטן קויט פון דער גארער ערד,
און געמיינט אין געהאפט אז זיין ס׳וועט אונז באשערט,
צו ברענגען אן זויערקייט, אן ביטערער נויט,
פאר מענטשן קינד ס׳שטיקעלע טעגלעכע ברויט,
גייט מען אצינד, חלילה וחס — אומדערהערט! —
א צעקרישלט מצה — צעקרישלען די ערד?

## משה רבינו

פאר דר. מאיר גערטנער

נישט ער איז אריינגעגאנגען אינם לאנד,
אוןביים סדר זיין נאמען נישט מען דערמאנט —
נישט אויף הוילע נסים א מדינה שטייט,
מכות צומאל האבן אמאל מער באדייט!...

וואס ברויך מען אים דארט מיטן שטעקן אין האנט,
ער איז קאפאבל קעפ שפאלטן נאכאנאנד,
אז זיי וועלן ווידערשפעניקן גאטס רייד — —
מילא אין וויסטעניש האט ער זיי באגלייט . . .

וואסער ווערט א נביא אין אייגענעם לאנד?
קול קורא במדבר כאטש קלאפ קאפ אין וואנט!
גאט פאר איין קוש פון דיין מויל געבן כ׳בין גרייט
דאס לאנד, אבער ס׳פאלק וואס דערין אריין גייט?

מיין לעבן פאר מינסטן פון זיין קינד און קייט.

## לשנה הבאה בירושלים

דר. שלמה בירנבוים צו זיין 75׳סטן געבוירן יאר

זיצט מען אין אייגן לאנד פון גלות באפרייט,
שטייט דער סדר א גאנץ גייענדיק יאר גרייט,
אויף שריט און טריט, ווו מען שטייט און ווו מען גייט,
יעדע מינוט, יעדע רגע פונם טאג,
מען הערט רק דאס ווערטל, דעם אייליקן זאג:
בסדר, בסדר, הכל בסדר — — —

ירושלים׳ס מויערן ווי באוואכט,
עפנען זיך אויף שטילינק, הייליק און באזאכט,
הונדערט טויערן פסח נאך האלבע נאכט,
און שעפטשענדיק אליהו זיך באווייזט:
יא, אלע פעלקער וועלן ווערן דערלייזט,
ווען ביי אייך דא ס׳וועט זיין הכל־בסדר.



## „הרי אני כבן שבעים“

הרי אני כבן שבעים,
און האבן כאטשבע דערגרייכט,
איינעם פון מיינע באגערן;
אויפגעצויגן איינס ביי איינס,
ווי שנירלעך עכטע פערל,
און זיי — צערינענע טרערן.

ארום פלאמען פלאטערדיק,
חלום־פליגל פארזענגטן,
ווי הויך א הארץ שוין דערלאנגען?
נאך א פלי און נאך א פאך,
און א גרוי הייפעלע אש,
פון די פארביגסטע פערלאנגען.

אויף מיין נידריקסטן געבענק,
פון מיינע שבעים־שנה,
שבעה מיך אנידערזעצן;
אויסרוען א קורצע ווייל
נאך איידער לעצטע טרערן,
מיין לעצטן חלום באנעצן.

הרי אני כבן שבעים,
און האבן כאטשבע דערגרייכט,
איינעם פון מיינע פערלאנגען;
נאך א שריט און נאך א שפאן,
און ווי וואקלדיק די פיס,
און צום קבר מ׳איז דערגאנגען.

## בן - שבעים

אז מען ווערט א בן שבעים,
איז דאס לעבן שוין אפגעפאטערט;
פונם הארצן די ליבע —
פויגל פון שטייג ארויסגעפלאטערט.

אז מען ווערט א בן שבעים,
און ס׳הארץ נאך אלץ פול האס און צארן — —
אפשר פיל בעסער געוועזן,
אז אזוי אלט מ׳וואלט נישט געווארן.

* * *

א פאעט צי איך בין, צי קאן עס וויסן ווער ?
אבער א העפטל פארקויפער — א קאלפארטער ;
איז ווימיל שבחים איר זאלט מיר נישט זאגן,
דאך קומט מיר, משמעות, נאך אלץ מערער און מער.

א פאעט איך בין ! צו זאגן ס׳איז מיר שווער —
אז וואס עלטער כ׳ווער, אלץ ווייניקער איך עס ווער !
לידער שרייבן אויך מיר א קונץ־שטיק, אבער — —
טא ווילט זיך טאקע לעבן אלץ מערער און מער.

## „טעמפל - שירא״ (שירה)

אמת כ׳האב צעבראכן מיין לעבן,
א צעפיצלטע ליגט מיין גאנצע וועלט ;
אבער פון דעם שטייניקן כאאס,
אות באות, פון די שטיקלעך צוריק,
א טעמפל, א מאזאאיק, אויפגעשטעלט.

און עס איז מיין הארץ, מיין צעבראכנס,
דער טויער פונם טעמפל אויפגעפראלט !
און גייט ווער אריין מתפלל זיין,
זאל ער אויסטון די שיך זיינע פריך,
איידער תפלהדיק־שטיל אויף קני ער פאלט.

## שיר - השירים . . .

אויף די עלטערע יארן,
שיר־השירימדיק מ׳נעמט זינגען,
ווי הבל־הבלימדיק,
צומאל ווען ס׳ליד זאל געלינגען.

ווי קיילעכדיק נישט קייקלען,
עס זאלן זיך נישט די ווערטער — —
טיפער ווי ס׳טיפסטע קבר,
ס׳הארץ אבער פון דער באגערטער.

די לעצטע ד׳ אמות,
צי קאן מען זיי דען אויסמעסטן ?
אזוי ס׳ליד פון די לידער —
פייגל בויענדיקע נעסטן !



ווען אויף דער עלטער אבער,
שיר־השירימדיק מ׳נעמט זינגען — —
ווי הבל־הבלימדיק,
אפילו ווען ס׳זאל געלינגען.

## 19׳טער אפריל

צי קאן מען דען מיט ווערטער,
דעם צער אויסדערציילן ?
און די אפענע וווּנד,
צי קאן די צייט דען היילן ?

ווי נאר ס׳קומט דער פרילינג,
און בליען ס׳נעמט און גרינען,
אויפגעטייעטע קוואלן,
די צוויי אויגן רינען.

פון די קוועלעכלעך ווערן,
געוואלטיקע טייכן ;
צי קאן זיך צו דעם צער,
דער גרעסטער דען פארגלייכן ?

נישט אויף שפיץ בוים א פויגל —
ס׳פישטשעט אין הארץ דרינען !
א גרויס וווּנדער נאר בלויז,
מ׳גייט נישט אראפ פון זינען.

## א זעקס - קנייטלדיק יזכור - ליכטל
(דעם אנדענק פון מיין שוועסטער צימעלע)

און אז טויזנט יא כ׳וועל לעבן,
מיין שנאה אלץ גרעסער נאך ווערן,
און אינם הארצן די ליבע —
איבערגיין ווי אויגן פון טרערן.

מיין שוועסטער וואס אזוי געליבט,
זי ליבן קיינמאל נישט אויפהערן ;
דעם שענדער וואס זי פארפייניקט,
מיין שנאה וועט אייביק געהערן.

מיט מיין לעצטן צאן נאך קריצן,
דעם קין־צייכן אויף זיין שטערן,
און אין מיין גסיסה־געכארכל,
מיין קללה אויף אים מ׳וועט נאך הערן.

און יעדעס יאר וואס דערלעבן,
מיין שבועה אויפסניי כ׳וועל שווערן:
א טויט, דעם שענדער, דעם מערדער — —
זע, עס פאלט פון הימל א שטערן.

— — — — — — — — — — — — — —

— ווי עס זיצט, ווי שוימיק עס קאכט,
נישט פונם מעטעאר דעם שווערן,
וואס טיף אין ים געפאלן איז,
און ברויזן ער קאן נישט אויפהערן —

מיין גליאיקער צער — א גלאוונע,
א בראנד־אפער גאנץ צו פארצערן,
פון מיין הארץ אראפגעפאלן,
און געפאלן אין מיינע טרערן.

## אברהם סילקעס

### געטא - מאטיוו (פראגמענט)

... שווארצע, אומעטיקע וואלקנס זענען געהאנגען איבערן גרויען הימל. די גרויקייט און טונקלקייט האט זיך אויסגעמישט מיט דער אומענדלעכער ווייסקייט פון דעם טיפן אנגעשאטענעם שניי אויף די פוסטע וועגן און טויטע פעלדער. מיט איילקע, נישט זיכערע טריט, שפאנט דוד איבער דער ווייסער שנייאיקער שטילקייט, און ערשט דא, איינער אליין, האט ער זיך אינגאנצן פארלוירן, דאס ביסל לעצטע מוט: דער וואלד אין אפשר אינגאנצן ארומגעשטעלט מיט מיליטער? אן אייז־קאלטער ווינט האט אויף אים א ווייע געטאן. ער האט אויפגעשטעלט דעם קאלנער, אראפגערוקט איבערן שטערן דאס היטל, און מיט אומזיכערע, פארמאטערטע טריט, זיך געלאזט גיין נאענטער צום שטעטל.

ער האט זיך אפגעשטעלט א ווײלע, זיך צוגעהערט. א קאלטער, נאסער ווינט האט האסטיק א בלאז געטאן מיט א קאלטן שניי אין די אויגן אריין. וואס פאר א וועטער? ער ווייסט, אז אונטערן שטאט וועט נאך ווערן ערגער, געפערלעכער. א מינוט האט ער זיך א וואקל געטאן, צי ער זאל זיך צוריק נישט אומקערן צום באהעלטעניש. אבער בלויז דער איינער געדאנק, האט אים א טיפן שטאך געטאן, און ער האט נאך מער איילנדיק זיך, ווייטער געשפאנט.

ער איז ביסלעכווייז אנגעקומען צו דער שטאט. ער האט זיך דערנענטערט צום הויז פון זיין באקאנטן שול־חבר. ער האט געהאט שוין איינמאל אפגערעדט מיט אים וועגן אויסבאהאלטן זיך ביי אים אויפן בוידעם. אפשר, וועט ער דא קענען איבערנעכטיקן, האט ער א טראכט געטאן! ער איז שטיל אריין אין פאדער־הויז, זיך צוגעהערט צו דער טיר. ער איז געווען שטיל. מיטאמאל האט ער דערהערט א קול פון א פרוי. זיי שלאפן נאך נישט. זיי רעדן צווישן



זיך. אנקלאפן? דער אטעם איז אים אפגעהאקט געווארן. א ווײלע האט ער זיך א וואקל געטאן, און שנעל ארויס צוריק אויף דער גאס. ער שפאנט שנעל פארויס. מיט גיכע טריט האט ער זיך דעווייטערט וואס אמאל מערער פון דער שטאט, זיך דערנענטערט צום וואלד. ער האט זיך געוואונדערט, וואס איבערן גאנצן וועג, האט ער נישט אנגעטראפן קיין איין לעבעדיקן נפש. איז שוין דען אזוי שפעט? אפשר אויך, ווייל ער איז כסדר אבסארבירט מיט די אייגענע שווערע געדאנקען — האט ער קיינעם נישט באמערקט?

איז נישט גוט, די דייטשן וועלן מיר נאך שנעלער אריינכאפן אין זייערע נעגל. ער האט זיך דערשראקן פאר זיך אליין. און באלד האט אן אנדער געדאנק, נאך א מער ווייטיקלעכער א שפאר געטאן אין די שלייפן. אלע האבן זיך אויסבאהאלטן, דערפאר אזא שטילקייט. עס איז שטענדיק זיכערער צו זיצן ערגעץ אין א שטוב, אין דער צייט פון די כאפערייען און ער לאזט זיך איצט אין אזא וועג, דעם שונא גלייך אין די הענט אריין. עס איז אים הייס געווארן.

אלץ דייטלעכער, האט זיך איצט דער שווארצער וואלד אפגעשפיגלט אויפן פאן פון דעם פארוואלקנדיקן, שרעקעוודיקן הימל.

די דייטשן האבן זיך אפשר באהאלטן אונטער די לעצטע הייזער און גערטנער? זיי וועלן ארויסטאנצן, אים א כאפ טאן... אנטלויפן, אפשר אומקערן זיך צוריק!...

דאס הייסע בלוט האט אים א ברי געטאן אין מוח. יא, זיי זיצן דארטן אין די ראוון, צווישן די צווייגן און קזשאקעס. זיי וועלן זיךווארפן אויף אים, און א לעבעדיקן אים ארייננווארפן אין א טיפער, שווארצער גרוב. א קאלטער, קלעפעדיקער שווייס האט באגאסן זיין אויסגעמארטערט לייב. ער שפאנט פארויס. מיט יעדן טראט, איז ער אלץ נאענטער צום וואלד. קיין צוריקוועגס איז נישטא.

די שווארצע וואלקנס האבן זיך נאך מערער צעשפרייט איבער דעם נאכטיקן הימל. א ווינט, א קאלטער, א נאסער האט א ריס געטאן. איבער ביידע זייטן וועג שטייען ריזיקע דעמבעס און סאסנעס מיט געבויגענע קעפ. טויטע, אן בלעטער, אן צווייגן. דער ווינט האט זיך א ווײלע איינגעשטילט. א לייכטער שניי האט האסטיק א שאט געטאן. דוד, האט מורא געהאט זיך אויסצודרייען, א קוק געבן. עס דוכט זיך אים, אז יעדע באוועגונג, יעדער טראט אין דעם קאלטן, נאסן שניי שלאגט זיך אפ ווי אן עכא, ווי א קלאנג, וואס דערהערט זיך אומעטום. ער זעט שוין נישט קיין ביימער, נאר גיגאנטישע געשפענסטן, מיט שרעקעוודיקע, פינקלדיקע אויגן, ציען צו אים זייערע שווערע, ריזיקע לאפעס... אויפן זייטיקן וועג, שפאנען זיכער ארום מיט די פאנצערס אויף די קעפ און אנגלאדעוועטע מאשין־געווער פארשייטע דייטשן! אנטלויפן!... אבער וווהין? זיי האבן אים שוין זיכער באמערקט. זיי וועלן אנהויבן שיסן. אדער גאר ארומרינגלען פון אלע זייטן, און א לעבעדיקן וועלן זיי אים ארייננכאפן. פארוואס שיסן זיי נישט? זיי שרייען נישט!...

די שווערע פיס, ווי שטיקער בליי שלעפן ווייטער. די ארויסגעשטארצטע

פון אונטערן שניי פניאקעס, וואס ער האט אנגענומען פאר שרעקלעכע דייטשן — זענען פארבליבן הינטער אים.

מיטאמאל האט דאס הארץ א קלאפ געטאן, עס האט א זעץ געטאן אין די צעהיצטע שלייפן. פון וואלד, פון ביידע זייטן וועג, האבן מענטשן ארויס־געשפרונגען... זיי זענען שוין נאענט... זיי פארשטעלן דעם וועג. ער וועט זיך נישט קענען אדורכרייסן... זיך צוריקקערן?... עס איז שוין צו שפעט... זיי האבן אים ארומגערינגלט...

זיינע צעשפאלטענע ליפן האבן עפעס אין דער שטיל געשעפטשעט. כ׳וואלט נאך כאטש איינמאל געוואלט אנקוקן פעלאן... וועלן זיי דען מיר וועלן גלויבן, אז איך בין נישט קיין פארטיזאן, נאך אן אומבאהאלפענער, פארטריבענער, פארפאלגטער יינגער ייד. איז דאס דען נישט אלץ איינס?

ער האט א צאפל געטאן, און ווייטער געשפאנט. ער האט זיך דערנענטערט צו די טאנצנדיקע פאר די אויגן שאטנס, אבער די שאטנס דערווייטערן זיך, זענען צערונען געווארן... ער גלויבט נישט זיינע אייגענע אויגן. אפשר האבן זיי זיך דערווייטערט, כדי פון אונטן ארום אנפאלן אויף אים אומגעריכטערהייט. נאך א פאר טריט פארויס. א שטילקייט. אין דער רגע האט ער באנומען, אז דער שוידערלעכער קאשמאר קומט פון זיין צעהיצטער, קראנקער פאנטאזיע. פאר אים, און הינטער אים, איז בלויז וואלד, און וואלד...

דעם גרעסטן טייל וועג האט ער שוין הינטער זיך. די ביימער ווערן דא אלעמאל שיטערער. ער גייט ארויס פון דעם געדיכטן וואלד. דאס צעריסענע העמד, האט זיך צוגעקלעפט צו זיין פארשוויצט, נאס לייב. עס איז שטיל ארום. דער פראסט פארשטארקט זיך. דוד שפרייזט איבער די ארויסגעשטארצטע, פארפרוירענע שטיקער מאך.

פונדערווייטנס, האט זיך דערהערט א שטיל רוישן פון א מאשין. א דארט, ווייטער, געפינט זיך דאס הויז — און וועלכן ער מוז דערגיין!...

צום הויז, איז דוד נישט דערגאנגען, א וויסטער שראפנעל, האט אדורכ־געלעכערט זיין יינג, פולסירנדיק, אומשולדיק הארץ. ער איז פארשאטן געווארן פון א בארג רויך, פראך און שטויב, וואס איז אויסגעמישט, איבערגעדרייט געווארן מיט דער פארבלוטיקטער פוילישער ערד.

די פארברענטע ערד פארדעקט איצט דעם יינגן, אויסגעמאטערטן גוף פון דעם יידיש יינגל.

## יוסף הלל לעווי

## פאר וועמען?

פאר וועמען, צו וועמען נאך קאן מען היינט זינגען
דאס איינזאם פארלאזענע יידישע ליד?
וואס האט אויף דער וועלט ערשט דער גאנצער געבליט, —
און האט איבער לענדער געהילכט און געקלונגען.



פון שטארקע מיליאניקע יידישע לונגען,
וואס האבן געאטעמט מיט האפנונג און פרייד;
און האבן די האפנונג אויף ווייטער פארזייט,
צעפלאנטערט מיט לעבן אויף פייעריקע צונגען.

פאר וועמען, צו וועמענען היינט נאך בירושה
דא לאזן דאס איינזאמע יידישע ווארט?
וואס איז מיט אזוי פיל אמונה קדושה
געוועזן, ערשט מיט רחמים צעזאמענגעפארט.
און ס׳האבן עס געמארדעט רוצחים אן רחמים
צעטרעטן און באגאסן מיט בלוטיקער בושה...

## שמואל יוסף עגנון

## מיט מיין הארץ

צו שולמית דעם שענסטן מיידל האב איך געוואלט דיכטן א ליד, ווייל כ׳האב זי מער ליב ווי אלע טעכטער פון מיין פאלק. און איצט, אז עס האלט פאר שולמיתנס געבורטסטאג, האב איך מיר געטראכט, לאמיך פארפאסן א שיר צו שולמית און אים פארצירן מיט גראמען, ווארום דיכטער טוען דאך אזוי מיט זייערע לידער.

בין איך געגאנגען צו די גראמען און געזאגט צו זיי, הערט מיך אויס, גראמען, אט האלט איך אין שרייבן א שיר צו שולמית דעם שענסטן מיידל, און בין געקומען צו „אייך, אז איר זאלט מיר אויסלייען א צוויי־דריי פערל־גראמען צום ליד, וואס כ׳האלט אין שאפן צו איר געבורטסטאג. האבן די גראמען מיר געענטפערט, עס איז גוט וואס דו באגערסט צו טון. גיי זשע און ברענג אונז די ווערטער און מיר וועלן דיר שוין געבן די גראמען, ווי דיין הארץ גלוסט וועלן מיר דיר געבן פערל־גראמען, און דו זאלסט טון ווי דיר געפעלט.

בין איך געגאנגען צו די ווערטער און געזאגט צו זיי, באגערן האב איך באגערט צו שאפן א שיר צו שולמית און בין געגאנגען צו די גראמען, אז די גראמען זאלן מיר שענקען א צוויי־דריי גראמען. און איצט בין איך געקומען צו אייך, ווערטער, לייט מיר ווערטער פארן ליד, וואס איך וויל שאפן צום געבורטסטאג פון שולמית!

האבן די ווערטער מיך אויסגעהערט און געזאגט, עס איז א גוטע עצה, וואס די גראמען האבן דיר געגעבן, ווארום אן א ווארט איז גארנישטא, מחמת דער ראש פון יעדער זאך זענען מיר די ווערטער, און ווען עס פעלן ווערטער, טויג די זאך נישט. גיי זשע צום קאפ. אפשר וועט ער דיר געבן רעיון, וועלן מיר דיר געבן ווערטער, וועסטו גיין מיט די ווערטער צו די גראמען. אזוי ארום וועסטו שוין פארפאסן דאס דאזיקע ליד שולמיתן צום געבורטסטאג.

געקומען צום קאפ, האב איך אים דאס אלץ דערציילט. דער קאפ האט

אבער נישט געוואלט גיין מיט מיר, ווארום ער האט געזאגט, אז עס פאסט נישט פאר קיין דערוואקסענעם מענטש צו דיכטן לידער. און וואס גראד איצט?

איך אבער האב אים נישט אפגעלאזט. האב אים אזוי געבעטן אזש זיך צו שעמען ביז ער האט באוויליקט צו גיין מיט מיר צו איינעם פון די רעיונות, כדי ר'זאל זיין מיט מיר ווען כ'גיי צו די ווערטער און צו די גראמען צו שאפן א שיר פאר שולמית דעם שענסטן מיידל.

געגאנגען און געקומען צום רעיון, געפינען מיר אים זיצן צווישן חכמים און זקנים. זאג איך צום רעיון, אט דערנענטערט זיך שולמיתס געבורטסטאג. זע, איך באגער צו שאפן א שיר צו שולמית. בין געווען ביי די גראמען און ביי די ווערטער און זיי האבן מיך געשיקט צום קאפ, אז ער זאל מיר זיין א מויל פאר דיר ביים דיכטן דאס ליד, כדי דו זאלסט גיין מיט מיר צו די ווערטער און צו די גראמען. בעט איך דיך איצט, מיין רעיון, צו גיין מיט מיר.

האט דער רעיון מיר געענטפערט און געזאגט, זאל איך איבערלאזן מיין ארט ביי די זקנים און חכמים און גיין ארומוואנדערן איבער ווערטער און גראמען? און דער רעיון האט זיך אפגעזאגט צו גיין מיט מיר צו די ווערטער און גראמען, כדי די ווערטער זאלן מיר געבן ווערטער און די גראמען גראמען פארן ליד, וואס איך באגער צו פארפאסן פאר דער שיינער שולמית, וועמען איך ליב.

כ'בין אוועק פונם רעיון זער טרויעריק, ווארום כ'האב באגערט צו שאפן א שיר צו שולמית צו איר געבורטסטאג. און דער רעיון איז נישט געגאנגען מיט מיר צו די ווערטער און צו די גראמען, אז איך זאל דיכטן דאס ליד.

מיין הארץ האט מיך באגעגנט און געזען ווי טרויעריק איך בין. זאגט מיין הארץ צו מיר, וואס ביסטו אזוי טרויעריק? דערציייל איך מיין הארץ, אז כ'בין געגאנגען צו די גראמען און זיי האבן מיך געשיקט צו די ווערטער און די ווערטער האבן מיך געשיקט צום רעיון און דער רעיון האט מיך אוועקגעשיקט מיט גארנישט, אפזאגנדיק זיך צו גיין מיט מיר. און איך האב דאך אזוי באגערט צו שאפן א שיר צו שולמית דעם שענסטן מיידל צו איר געבורטסטאג. וויאזוי זשע וועל איך איצט שאפן דעם שיר און וויאזוי וועל איך מיך אומקערן צו די ווערטער און צו די גראמען, אז דער רעיון איז נישט מיט מיר?

מיין הארץ האט עס איינגעזען און געזאגט, איך וועל זיין מיט דיין מויל און וועסט שאפן א שיר צו שולמית דעם שענסטן מיידל צו איר געבורטסטאג, ווארום איך האב ליב שולמית און אויך דיינע לידער.

בשעת עס האט גערעדט מיט מיר האט עס אנגערירט מיין מויל. און איך האב געשאפן א שיר צו שולמית דעם שענסטן מיידל צו איר געבורטסטאג, ווי איך האב נאך ביז דעמאלט נישט געשריבן קיין שירים, מיט רעיון און מיט ווערטער און מיט גראמען, ווארום מיין הארץ איז געווען מיט מיר און מיט מיין מויל.

פון עברית איבערזעצט

א. אלמוג



## עלא זילבערג

### פרילינג

וואך אויף מיין הארץ,
דער פרילינג איז געקומען,
די ערד האט זיך באדעקט,
מיט טעפיכער פון גרין,
און צווייגן אופגעשפראצט,
מיט האניג זיסע קנאספן,
צו שפייזן מוטערלעך,
יעדע פליגאלע און בין.

די דאפאדילס,
די טולפן און נארציסן,
און פרימרויזן אלערליי,
ווי צו א חתונה,
די גערטנער זיך פארפוצן,
ווי מחתנים שטאלץ,
די בוימער איבער זיי.

פון ווייטן כ'הער געזאנג,
עס הילכט פון אלע זייטן,
דאס איז דער פויגל כאר,
באצויבערנדיג און זיס,
די טענער וועקן אויף,
פארבארגענע זכרונות,
פארגעסענע געפילן
ווערן ווידער יונג און פריש,

וואך אויף מיין הארץ,
דער פרילינג איז געקומען,
לאז כאטש איין שטראל,
דערווארמען דיין געמיט,
פארגעס די וועלט,
די מאוסקייטן פון לעבן,
ווער ווידער אויף א ווייל,
אזוי פרילינגדיק צובליט.

### לאבורנעם (נאמען פון א בוים)

ווי טראפענס פון רעגן,
מיט זון איבערגאסן,
ווי גאלדענע לאקן,

איבער צווייגן צופלאסן
אזוי שוועבענדיג צארט,
ווי א וואונדערלעך טרוים,
בליט און מיין גארטן,
א הערליכער בוים.

„לאבורנעם“ זיין נאמען,
מיט דעם שענסטן פארפיום,
פארכשופט פון צויבער,
באוואונדער איך שטום.
קיין קינסטלער, קיין מאלער
קיין מענשליכע קראפט,
קען גלייכן צי שיינקייט,
פון בורא בעשאפט.

צוגליט ווי א כלה,
אויף דער חתונה נאכט,
שטייט דער לאבורנעם,
אין זיין גאלדענער פראכט,
וועקט זיך א תפילה,
אין הארצן ביי מיר,
באשיץ גאט דיין שאפונג,
פון מענשליך באגער
עס זאל אים קיין עולה,
קיין אומגליק געשען,
זאל בלייבן דיין וועלטל,
אזוי שיין, ווי געוועז.

י. ריכטיגער

## יידישע פילאזאפיע און טראדיציע

### פאטריאטקעס אין פסח פאלקלאר

כדי צו אינספירירן די יידישע פרויען, זיי זאלן ווילק זיין איינצושטעלן זייער לעבן און העלפן זייערע מענער וואס האבן זיך באטייליקט אין בר כוכבא אויפשטאנד, האט רבי עקיבא געדרשנט, בעתן אפריכטן דעם סדר אין בני ברק, אז א דאנק די צדקניותדיקע פרויען פון דעמאלטיקן דור איז דאס פאלק ישראל באפרייט געווארן פון מצרים... מיט אויסטייטשן פסוקים פון תנ״ך האט רבי עקיבא באוויזן דעם געשיכטלעכן אמת פון פאלקלאר, אז די פרויען פון שעבוד מצרים האבן זיך אריינגעשמוגעלט אין די קאנצענטראציע לאגערס, וו זייערע מענער די צוואנגס־ארבעטער האבן איבערגענאכטיקט, צו האבן



קינדער פון זיי אז פרעה׳ס פארניכטונג־גזרה אויפן פאלק ישראל זאל צעשטערט ווערן.

מען דארף וויסן אז, דאס פארצייטישע מצרים איז געווען א מאנאגאמישע־איינוויב־געזעלשאפט, דעריבער האבן די גוט־באזיצער ניט געהאט גענוג קינדער צו באארבעטן די פעלדער אדער גערטנער און געמוזט באשעפטיקן פרעמדע ארבעטער, זענען זיי באפאלן די שכנותדיקע לענדער, געפאנגען די באפעלקערונג און איר אייגעשפאנט אין צוואנגס־ארבעט, אזוי איז דאס אלטע מצרים געווארן דער ערשטער „בית עבדים“ — שקלאפן סיסטעם אין דער וועלט. אבער שוין אין יענע צייטן האט דער געניאלער עקאנאמיקער יוסף געזען, אז כאטש די שקלאפן ארבעטער נעמען ניט קיין לוין פאר זייער פראדוצירן איז זייער אופן פון ארבעט נאכלעסיק, וואס ברענגט כסדר יארן פון אומגערעטעניש אין לאנד. האט יוסף מיט לערך דריי א האלבן טויזנט יאר צוריק איינגעפירט, די ערשטע אין דער וועלט געשיכטע און די איינציקע ביז צו דער רוסישער רעוואלוציע, נאציאנאל־קאלעקטיווע לאנדבויווירטשאפט.

ער האט ניט קאנפיסקירט פריוואס אייגענטום, נאר אין די הונגער יארן האט ער אפגעקויפט פון די גוט־באזיצער זייערע לאנדווירטשאפטן פאר דער רעגירונג, אזוי איז די גאנצע אגריקולטור ערד נאציאנאליזירט געווארן און די מיליאנען צוואנג־ארבעטער מיט די גוט־באזיצער זענען געווארן אנגעשטעלטע פון דער רעגירונג, פון די פרוכטן, תבואות און בהמות וואס האבן געוואקסן האט די רעגירונג גענומען אין פינטפטל אדער צוואנציק פראצענט, די אנדערע פיר פינפטל אדער אכציק פראצענט זיינען פארטיילט געווארן צווישן די ארבעטער לויט דער באדערפעניש פון זוימען צו פארזייען און עסן פארן הויזגעזינד. (בראשית ט״ז) אזוי האט יוסף פארענדערט שקלאפעריי אויף קאלעקטיוויזם...

א לענגערע צייט האב אנגעהאלטן דער קאלעקטיוו־לאנדווירטשאפטלעכער סיסטעם אין מצרים, ביז יוסף מיט זיינע ברידער און דער גאנצער דור, וואס האט געדענקט די אמאליקע פארקנעכטונג און הונגער יארן, איז געשטארבן. מען איז בארעכטיקט אנצונעמען אז די מנהיגים פון דעם קאלעקטיוויסטישן סיסטעם זענען געווען אפשטאמיקע פון יוסף און זיינע ברידער, די בני ישראל. דעריבער ווען א נייע דינאסטיע האט פארכאפט דעם טראן פון מצרים, איז איר ערשטע דאגה געווען צו באזייטיקן, פון וועלכע עס איז מאכט, די אנגעשטעלטע פון דער פריערדיקע דינאסטיע. אנשטאט די אויפזער פון בני ישראל האט זי באשטימט אנדערע, און זיי — די בני ישראל — ניט אליין איינגעשפאנט צו ארבעטן אין די פעלדער, נאר אויך פארקנעכטעט אין בוי־ארבעט, קנעטן ליים, פארמען ציגל, בויען פתם און רעמסס. אזוי איז דער קאלעקטיווער סיסטעם פון יוסף פארוואנדעלט געווארן פארן פאלק ישראל אין א ברוטאלערן פארשקלאפונגס סיסטעם, ווי ער איז געווען אין מצרישן בית עבדים ביז צו דער רעפארם פון יוסף. (שמות א׳ און תרגום יונתן בן עוזיאל)

מורא האבנדיק אז די בני ישראל וועלן רעוואלטירן, האט דער פרעה ארויסגעגעבן א ריי געזעצן מיט דעם ציל אויסצוראטן זיי. ער האט די פארקנעכטעטע בני ישראל ניט דערלויבט ווידערצוקערן אין זייערע היימען, נאר נאכן ענדיקן זייער ארבעטסשיכט האבן זיי געמוזט בלייבן אין א קאנצענטראציע לאגער ביז צו דער פרישער ארבעטצייט, כדי זיי זאלן ניט צונויפקומען מיט זייערע פרויען און זיך פארמערן. ־שמות רבה פ״א־ט״ו) לויט די טראדיציאנעלע געזעצן פון די בני ישראל זענען פרויען ניט מצווה אויף פריה ורביה — אויף מענער ליגט דער חוב פול צו מאכן די ערד מיט מענטשן, ניט אויף פרויען — זיי זענען ניט מחויב צו האבן קינדער. (יבמות ס״ג—ס״ה) דאס הייסט: די פרויען האבן, אין דער צייט פון שעבוד מצרים,, ניט געדארפט איינשטעלן זייער לעבן אז דאס פאלק ישראל זאל ניט אונטערגיין, זייער פאטריאיזם איז דעריבער געווען א צידקות—זיי האבן פרייוויליק איינגעשטעלט זייער לעבן פאר דער עקזיסטענץ פון זייער פאלק:

ווי עס ווערט דערציילט אין פסח פאלקלאר, האט יעדע פרוי מיטגעבראכט א קריג ווארעם וואסער און א קריג קליינע פישלעך, בעתן אריינשמוגלען זיך אין קאנצענטראציע לאגער, און די מענער באפרייט פון דער ארבעטס־שיכט זענען מיט די לעצטע כוחות געקראכן צו די קשאקעס ווו זייערע ווייבער האבן זיך באהאלטן. ווייל מיט ליבע און צערטלעכקייט האט יעדע פרוי אפגעוואשן דעם שמוץ פון איר מאנס לייב, מאסאזשירט זיין גוף מיט שמעקנדיקן אייל, געגעבן אים צו עסן פון די פישלעך, וואס זענען געווען א סגולה צו קינדער האבן, געקומען אין סעקסועלע פארבינדונג מיט אים און ערשט ווען זי האט געפילט אז זי איז שוואנגער איז זי א היים געגאנגען.

נאענט צו דער געווינונג־צייט זענען די טראגעדיקע פרויען אוועק אין די געדיכטע עפל־וועלדער, וואס האבן זיך געפינען אין מצרים משׁשת ימי בראשית, און דארט אונטער דיביימער געבוירן די קינדער, ווי חיות. דער נביא האט עס באשריבן אין א לירישע פאעמע — „ביום הולדת אותך לא כרת שרך“ — אין דעם טאג וואס דו ביסט געבארן געווארן האט מען דיין נאפל ניט אפגעשניטן. אין וואסער ביסטו ניט געוואשן געווארן צו רייניקן, מיט פודער האט מען דיך ניט באשפרינקעלט און אין וויקלען ביסטו ניט געוויקעלט געווארן. ניט דערבארעמט האט זיך אן אויג אויף דיר, צו טוען דיר איינע פון די זאכן פון רחמנות וועגן, ביסט אוועקגעווארפן געווארן אויפן פרייען פעלד ווי פארעקלט וואלט געווען דיין לייב און דעם טאג וואס דו ביסט געבארן געווארן. איך בין דורכגעגאנגען פארביי דיר און דיך געזען וועלגערן אין דיין בלוט, האב איך געזאגט צו דיר — אין דיין בלוט, לעב! אין דיין בלוט, לעב!...

(יחזקאל ט״ז)

לויטן פאלקלאר האבן די בני ישראל פון שבט לוי ניט געארבעט אין מצרישן בית עבדים, ווייל זיי זענען געווען די כהנים פון פאלק ישראל און ווי די פריסטער פון אנדערע קולטן געהאט א ספעציעלן סטאטוס. זיי האבן געשאפן אן אונטערערדישע ארגאניזאציע מיט ווארטארינס און דערציערינס,



וואס האבן צונויף געקליבן די מיט בלוט פארשמירטע קינדער פון אונטער די עפל־ביימער, זיי אין געהיים אויפגעכאוועט מיט קינסטלעכע שפייז — מיט אייל און האניק — און ווען זיי זענען אויפגעוואקסן, האבן זיי זיך מיט דער הילף פון די יידישע ארבעטס־אויפזער אריינגעגנבט אין די ארבעטס־לאגערס. אזוי איז, א דאנק די פאטריאטישקייט פון די דעמאלטיקע פרויען צוגעקומען מער מענער און די ארבעטס־לאגערס ווי אומגעקומען אין דער שקלאפן ארבעט, און דערפאר איז געווען וועמען אויסצולייזן. (שמות רבה פרשה א׳־ט״ז)

אבער ניט אלע קינדער האט די אונטערערדישע ארגאניזאציע פון די שבט לוי געראטעוועט פון פארניכטונג. שפיאנען האבן נאכגעפאלגט די שוואנגערע פרויען און אז מען האט זיי געכאפט אין די עפל־וועלדער זענען זיי פארשיקט געווארן צו די ליים־גראבענס, ווי עס ווערט דערציילט אין דעם ווייטער ציטירטן פאלקלאר. — אזא קינדלדיקע מוטער, וואס איר נאמען איז געווען רחל — אן אייניקל פון א געוויסן תושלח, האבן זיי פארשיקט צו די ליים־גראבענס, איר איינגעשפאנט צוזאמען מיט איר מאן אין דער ארבעט פון ליים־טרעטונג, ביז זי האט מפיל געווען און מיט איר אייגענע פיס אייגעקנעטן איר קינד אין דער ליים־מאסע. ווען איזיס, די באשיצערין און מוטער געטין פון מצרים, האט געבעטן רחמים פאר די בכורים פון מצרים, האט דער מלאך מיכאל, דער אייביקער מליץ יושר פון פאלק ישראל, ארויסגעריסן דעם ציגל, ווו דאס קינד פון רחל איז געווען איינגעבאקן, פון פרעה״ס בנין און אים אונ־דער געלייגט פארן כסא הכבוד, האט מען ניט מער צוגעהערט איזיס געבעט. (ילקוט שמעוני שמות ד׳, רמז קע״ו) ווייל דער פארברעכן פון אומברענגען קליינע קינדער, ווערט קיינמאל ניט פארגעבן.

דאס זעלבע געפינט מען אין א צווייטן פאלקלאר — ווען די מצרישע רייטער און פערד האבן אנגעהויבן טאפיען אין ים סוף האט די שיינע איזיס, די באשיצערין און מוטער־געטין פון מצרים, זיך אנגעגארטעלט די שווערד אויף אירע רויטע בגדי מלכות און מיט גאווהדיקער מאיעסטעטישקייט, איז זי געקומען צום כסא הכבוד פאדערן גערעכטיקייט פאר איר פאלק. זי האט געזאגט — רבונו של עולם! דיין חותם איז אמת און דיין משפט איז צדק, דו באעוולהסט ניט קיינעם און דו נעמסט ניט קיין שוחד... דו האסט באפוילן אז פיר הונדערט יאר זאלן די בני ישראל זיין קנעכט אין מצרים, איצט נאכן דארט זיין צוויי הונדערט צען יאר, און נאך ארבעטן אין די פעלדער און הייזער פון מיין פאלק קוים זעקס און אכציק יאר, האבן זיי זיך ארויסגענארט מיט אן אויסרייד צו גיין דיך דינען אין דער מדבר דריי טעג, מיטנעמענדיק גאלדענע און זילבערנע חפצים, וואס זיי האבן געליען ביי זייער שכנים. פרעג איך דיך שופט פון דער גאנצער וועלט — צו איז דאס גערעכטיקייט? אנשטאט דו זאלסט די אנטלאפענע שקלאפן און פארברעכער איבערגעבן אין די הענט פון מיין פאלק, האסטו זיי בשלום אריבערגעפירט דעם ים סוף און ווילסט מיין זון פרעה מיט זיינע רייטוועגן און רייטער דערטרינקען?

אין דעם אויגנבליק האט מיכאל, דער אייביקער מליץ יושר פון פאלק

מורא האבנדיק אז די בני ישראל וועלן רעוואלטירן, האט דער נייער פרעה ארויסגעגעבן א ריי געזעצן מיט דעם ציל אויסצוראטן זיי. ער האט די פארקנעכטעטע בני ישראל ניט דערלויבט ווידערצוקערן אין זייערע היימען, נאר נאכן ענדיקן זייער ארבעטסשיכט האבן זיי געמוזט בלייבן אין א קאנצענטראציע לאגער ביז צו דער פרישער ארבעטצייט, כדי זיי זאלן ניט צונויפקומען מיט זייערע פרויען און זיך פארמערן. (שמות רבה פ״א־ט״ו) לויט די טראדיציאנעלע געזעצן פון די בני ישראל זענען פרויען ניט מצווה אויף פריה ורביה — אויף מענער ליגט דער חוב פול צו מאכן די ערד מיט מענטשן, ניט אויף פרויען — זיי זענען ניט מחויב צו האבן קינדער. (יבמות ס״ג—ס״ה) דאס הייסט: די פרויען האבן, אין דער צייט פון שעבוד מצרים„ ניט געדארפט איינשטעלן זייער לעבן אז דאס פאלק ישראל זאל ניט אונטערגיין, זייער פאטריאיזם איז דעריבער געווען א צידקות—זיי האבן פרייוויליק איינגעשטעלט זייער לעבן פאר דער עקזיסטענץ פון זייער פאלק:

ווי עס ווערט דערציילט אין פסח פאלקלאר, האט יעדע פרוי מיטגעבראכט א קריג ווארעם וואסער און א קריג קליינע פישלעך, בעתן אריינשמוגלען זיך אין קאנצענטראציע לאגער, און די מענער באפרייט פון דער ארבעטס־שיכט זענען מיט די לעצטע כוחות געקראכן צו די קשאקעס ווו זייערע ווייבער האבן זיך באהאלטן. ווייל מיט ליבע און צערטלעכקייט האט יעדע פרוי אפגעוואשן דעם שמוץ פון איר מאנס לייב, מאסאזשירט זיין גוף מיט שמעקנדיקן אייל, געגעבן אים צו עסן פון די פישלעך, וואס זענען געווען א סגולה צו קינדער האבן, געקומען אין סעקסועלע פארבינדונג מיט אים און ערשט ווען זי האט געפילט אז זי איז שוואנגער איז זי א היים געגאנגען.

נאענט צו דער געווינונג־צייט זענען די טראגעדיקע פרויען אוועק אין די געדיכטע עפל־וועלדער, וואס האבן זיך געפינען אין מצרים מששת ימי בראשית, און דארט אונטער די ביימער געבוירן די קינדער, ווי חיות. דער נביא האט עס באשריבן אין א לירישע פאעמע — „ביום הולדת אותך לא כרת שרך״ — אין דעם טאג וואס דו ביסט געבארן געווארן האט מען דיין נאפל ניט אפגעשניטן. אין וואסער ביסטו ניט געוואשן געווארן צו רייניקן, מיט פודער האט מען דיך ניט באשפרינקעלט און אין וויקלען ביסטו ניט געוויקעלט געווארן. ניט דערבארעמט האט זיך אן אויג אויף דיר, צו טוען דיר איינע פון די זאכן פון רחמנות וועגן, ביסט אוועקגעווארפן געווארן אויפן פרייען פעלד ווי פארעקלט וואלט געווען דיין לייב און דעם טאג וואס דו ביסט געבארן געווארן. איך בין דורכגעגאנגען פארביי דיר און דיך געזען וועלגערן אין דיין בלוט, האב איך געזאגט צו דיר — אין דיין בלוט, לעב! אין דיין בלוט, לעב!... (יחזקאל ט״ז)

לויטן פאלקלאר האבן די בני ישראל פון שבט לוי ניט געארבעט אין מצרישן בית עבדים, ווייל זיי זענען געווען די כהנים פון פאלק ישראל און ווי די פריסטער פון אנדערע קולטן געהאט א ספעציעלן סטאטוס. זיי האבן געשאפן אן אונטערערדישע ארגאניזאציע מיט ווארטארינס און דערציערינס,



וואס האבן צונויף געקליבן די מיט בלוט פארשמירטע קינדער פון אונטער די עפל־ביימער, זיי אין געהיים אויפגעכאוועט מיט קינסטלעכע שפייז — מיט אייל און האניק — און ווען זיי זענען אויפגעוואקסן, האבן זיי זיך מיט דער הילף פון די יידישע ארבעטס־אויפזער אריינגעגנבט אין די ארבעטס־לאגערס. אזוי איז, א דאנק די פאטריאטישקייט פון די דעמאלטיקע פרויען צוגעקומען מער מענער אין די ארבעטס־לאגערס ווי אומגעקומען אין דער שקלאפן ארבעט, און דערפאר איז געווען וועמען אויסצולייזן. (שמות רבה פרשה א׳־ט״ז)

אבער ניט אלע קינדער האט די אונטערערדישע ארגאניזאציע פון די שבט לוי געראטעוועט פון פארניכטונג. שפיאנען האבן נאכגעפאלגט די שוואנגערע פרויען און אז מען האט זיי געכאפט אין די עפל־וועלדער זענען זיי פארשיקט געווארן צו די ליים־גראבענס, ווי עס ווערט דערציילט אין דעם ווייטער ציטירטן פאלקלאר. — אזא קינדלדיקע מוטער, וואס איר נאמען איז געווען רחל — אן איניקל פון א געוויסן תושלח, האבן זיי פארשיקט צו די ליים־גראבענס, איר איינגעשפאנט צוזאמען מיט איר מאן אין דער ארבעט פון ליים־טרעטונג, ביז זי האט מפיל געווען און מיט איר אייגענע פיס אייגעקנעטן איר קינד אין דער ליים־מאסע. ווען איזיס, די באשיצערין און מוטער געטין פון מצרים, האט געבעטן רחמים פאר די בכורים פון מצרים, האט דער מלאך מיכאל, דער אייביקער מליץ יושר פון פאלק ישראל, ארויסגעריסן דעם ציגל, ווו דאס קינד פון רחל איז געווען איינגעבאקן, פון פרעה״ס בנין און אים אנידער געלייגט פארן כסא הכבוד, האט מען ניט מער צוגעהערט איזיס געבעט. (ילקוט שמעוני שמות ד׳, רמז קע״ו) ווייל דער פארברעכן פון אומברענגען קליינע קינדער, ווערט קיינמאל ניט פארגעבן.

דאס זעלבע געפינט מען אין א צווייטן פאלקלאר — ווען די מצרישע רייטער און פערד האבן אנגעהויבן טאפיען אין ים סוף האט די שיינע איזיס, די באשיצערין און מוטער־געטין פון מצרים, זיך אנגעגארטעלט די שווערד אויף אירע רויטע בגדי מלכות און מיט גאווהדיקער מאיעסטעטישקייט, איז זי געקומען צום כסא הכבוד פאדערן גערעכטיקייט פאר איר פאלק. זי האט געזאגט — רבונו של עולם! דיין חותם איז אמת און דיין משפט איז צדק, דו באעוולהסט ניט קיינעם און דו נעמסט ניט קיין שוחד... דו האסט באפוילן אז פיר הונדערט יאר זאלן די בני ישראל זיין קנעכט אין מצרים, איצט נאכן דארט זיין צוויי הונדערט צען יאר, און נאך ארבעטן אין די פעלדער און הייזער פון מיין פאלק קוים זעקס און אכציק יאר, האבן זיי זיך ארויסגענארט מיט אן אויסרייד צו גיין דיך דינען אין דער מדבר דריי טעג, מיטנעמענדיק גאלדענע און זילבערנע חפצים, וואס זיי האבן געליען ביי זייער שכנים. פרעג איך דיך שופט פון דער גאנצער וועלט — צו איז דאס גערעכטיקייט? אנשטאט דו זאלסט די אנטלאפענע שקלאפן און פארברעכער איבערגעבן אין די הענט פון מיין פאלק, האסטו זיי בשלום אריבערגעפירט דעם ים סוף און ווילסט מיין זון פרעה מיט זיינע רייטוועגן און רייטער דערטרינקן?

אין דעם אויגנבליק האט מיכאל, דער אייביקער מליץ יושר פון פאלק

ישראל, אויסגעבראכן א ציגל פון פתם און רעמסס, ווו דער קערפער פון א נאר וואס געבוירן קינד איז געווען איינגעקנעטן, און האט דעם ציגל אויפן אויבערשטן ריכטער־טיש אוועק געגעלייגט... דער חשמל, וואס באלייכט אלע הימלן זינט ששת ימי בראשית, איז פארנעפעלט געווארן און א קאלט־שוידערנדיקע שטילקייט האט זיך פארצויגן איבערן כסא הכבוד. פארשטימט איז געווארן די גאנצע בריאה אין מיטן פון זאגן שירה און איבער דעם אין סוף האט זיך געטראגן א באפעל פון כביכול צו משה, — שטרעק אויס דיין האנט איבערן ים סוף, די תהומות זאלן עפענען זייערע מיילער און איינשלינגען די רייטער און די רייטוועגן פון פרעה, ווי שטיינער זאלן זיי זינקן אין דער טיפעניש, אז קיין זכר זאל ניט בלייבן פון זייער געביין אויף דער ערד. בלויז די פיראמידן, אבעליסקן און טעמפלען, וואס די בני ישראל האבן געבויעט זאלן שטיין אויף אייביק אלץ עדות פון מצרים׳ס זינד... (ילקוט שמעוני בשלח רמז רמ״א)

## דוד בערמאן

### א גליל פרילינג - הוירא

שפיל, פידלער, א הוירא־ניגון,
אין גליל א פרילינג־ניגון —
און מיר וועלן פריילעך זינגען
פרילינג־לידער, טאנצן שפרינגען —

ווייל טאנצענדע פיס האבן מיר,
טאנצן, שפרינגען אן א שיעור
ארום און ארום ביז מיר זעען
די בריליאנטענע הימלען ארום אונז דרייען —

שפיל, פייקלער, א הוירא ניגון,
א גליל פרילינג הוירא־ניגון —
און מיר וועלן פריילעך טאנצן
ארום דעם פריידן־פייער טאנצן —

ווייל הוירא־פיס האבן מיר,
טאנצן שפרינגען אן א שיעור
ארום און ארום ביז מיר פילן,
אז מיר פאנגען אן צו פליען —

שפיל, כלי־זמר, א הוירא־ניגון
אין גליל — א פרילינג־ניגון —
און מיר וועלן פריילעך זינגען
פרילינג־לידער, טאנצן, שפרינגען —



ווייל הוירא־פיס האבן מיר,
טאנצן שפרינגען אן א שיעור
ארום און ארום א האלבע נאכט
ביז די זילבערנע לבנה לאכט — —

## יוסף ד. באסט

### די ניט - פארענדיקטע סימפאניע

(דערציילונג)

ער איז געווען איינער אליין אין לייען־צימער, ווייל די איבעריקע געסט פון פענסיאנאט האבן זיך באלד נאכן אוונט־ברויט פארזאמלט אין פארווײלונג־זאאל. זיי זענען דארט בייגעווען אן ארטיסטן־אויפטריט. קיין איין קלאנג פון די פראדוקציעס איז ניט דערגאנגען צום לייען־צימער. נאר פון צייט צו צייט, ווייזט אויס נאכן פארענדיקן א נומער, האט זיך געלאזט הערן א שוואכער אפקלאנג פון אפלאדיסמענטן.

ער איז געזיצן פאר א קיילעכדיק טישל, אויף וועלכן ס׳איז געשטאנען א גרויסער ראדיא־אפאראט, שוואך באלויכטן דורך א וואנט־לעמפל. אויסער דעם ליכט־ראד ארום דעם טישל איז דאס צימער געזונקען אין חשכות. זי האט גוט געפאסט צום צושטאנד פון אומעט און גייסטיקער געהויבנקייט, וואס האט זייט דריי וואכן ניט אפגעלאזט דעם איינזאמען גאסט.

פאר דריי וואכן איז געשעען מיט אים דאס, צו וואס ער האט זיך ביז איצט ניט געפילט פעאיק. ער, דער פערציק־יעריקער, אלטער בחור, וועלכער האט געהאט וועגן ליבע פונקט אזא באגריף ווי א פארביסענער אטעאיסט וועגן רעליגיעזער עקסטאזע, האט זיך פארליבט. ליידער, ס׳האט קיין רייד ניט געקאנט זיין וועגן פארייניקן זיך מיטן אביעקט פון אט דעם פארשפעטיקטן אפעקט.

דאס איז געווען אן אינטערעסאנטין פון אנטשעדיקונגס־ביורא, וואו ער האט געארבעט. זי איז געווען בערך אין זיין עלטער, א פארהייראטע און א מוטער פון דריי קינדער. זי האט, פארשטייט זיך, קיין אנונג ניט געהאט, אז דער קאלטער, העפלעכער באאמטער, וועלכער האט געפירט איר ענין, הערט ניט אויף צו טראכטן וועגן איר פון דער מינוט, ווען ער האט זי צום ערשטן מאל דערזעען.

אפגעבנדיק זיך א רעכענונג, אז זיין געפיל — א מאטערנדיקס און גלייכצייטיק א דערהויבנדיקס — איז האפנונגסלאז, האט ער עס פרובירט באקעמפן. ער האט אבער קיין כוח ניט געהאט זיך אפצוזאגן דערפון.

ער האט זיך ענדלעך קלאר געמאכט, אז זיין צושטאנד איז ענלעך צו א הארטנעקיקער קראנקהייט; האט ער דעריבער גענומען אורלויב אויף א וואך, האפנדיק, אז אין א ניי ארט, ווייט פון דער וואס האט געשטערט זיין רו, וועט ער זיך אפטרייסלען פון זיין געפיל.

זיין פארברענגען אין פענסיאנאט לעבן ים האט זיך דערנענטערט צום

סוף און איצט, דעם לעצטן אוונט, האט ער געמוזט מודה זיין פאר זיך אליין, אז ער האט די געגארטע פארגעסונג ניט געפונען. פארקערט: ער האט זיך געפונען אין א נאך פיינלעכערער מאראלער אנגעשטרענגטקייט, ווי ווען ער איז אהערגעקומען.

זיצנדיק אזוי איינזאם אין האלב־פינצטערן צימער, האט ער געהאט א מאדנעם איינדרוק — א מין פארנעפלטע אומרואיקייט — ביים דערמאנען זיך זיין אויסדוכט פון פאר א האלבער שעה, ווען ער איז אויפגעשטאנען פון טיש אין עס־צימער. ס׳האט זיך אים, נעמלעך, אויסגעוויזן, אז צווישן די נייע געסט, וואס זענען געקומען נאכמיטאג, האט ער דערזען... זי, די שלאנקע, ווי שטענדיק טונקל־געקליידעטע פרוי מיט א מאט געזיכט און טיפן בליק פון די גרויסע, שווארצע אויגן. פארשטייט זיך, אן אילוזיע. אבער ווי האסטיק האט זיין הארץ א קלאפ געטאן ווען צווישן דעם צעפילדערטן המון האט זיך שטיל דורכגעשלייכט די, אזוי צו יענער ענלעכע, געשטאלט. די דערינערונג פון דער, נאך וועלכער ער האט געבענקט, האט זיך נאך בולטער באוויזן אין זיין דמיון. „אסתר — האט ער געטראכט, — ווען איך וואלט כאטש געקאנט דיר דערציילן וואס עס טוט זיך מיט מיר, גורם זיין, אז דיין בליק זאל מיך ארומנעמען מיט מיטלייד . . . אסתר, אויסזאגן דיר וואס איך לעב איצט איבער — שוין דאס אליין וואלט מיר געברענגט דערלייכטערונג״.

זיין בליק איז געפאלן אויפן ראדיא־אפאראט און ער האט מעכאניש איבערגעדרייט דאס קיילעכל. נאך א ווילע האט זיך דערהערט א פון אנהויב שוואכע, דערנאך וואס א מאל שטארקערע מוזיק. ער האט זי שטילער געמאכט, זיך אפגעבויגן אויפן ווענטל פון פאטעל און זיך איינגעהערט. דאס איז געווען „די ניט פארענדיקטע סימפאניע״ פון שובערטן.

אויך דאס מאל, אזוי ווי שטענדיק ווען ס׳איז אים אויסגעקומען צו הערן די דאזיקע זאך, האט ער זיך ניט געקאנט קעגנשטעלן דעם איינדרוק, אז דער קאמפאזיטאר האט אין איר איינגעשלאסן א פיינלעכן סוד, וועלכן ער האט געקאנט אנפארטרויען נאר דער מוזיק־שפראך. א קורצער מאטיוו, וואס באשטייט סך־הכל פון עטלעכע טאקטן, פלעכט זיך אריין, ווידער און ווידער, אין דער גרונט־מעלאדיע ווי אן עקשנותדיקער געדאנק, וואס וויל ניט, וואס קאן ניט פארשווינדן... געוויס איז עס ניט בלויז א מוזיקאלישער עפעקט — ס׳איז א סימבאל פון דעם, פון וואס דער קאמפאזיטאר האט געוויייטיקט ווען ער האט געשאפן זיין סימפאניע.

ס׳איז אים געקומען אויפן זינען, אז מיר אלע, גרויסע אדער קליינע, פראזאאישע אדער באשאנקענע מיט דער יכולת פון קינסטלערישן אויסדרוק, זענען איינזאם און אינערלעך אפגעגרענעצט איינע פון די אנדערע. ווי זעלטן געלינגט עס צו באגרייפן דאס פנימיותדיקע פון א צווייטן מענטש! צוגעשמידט צום ראד פון טאג־טעגלעכע דאגות, לעבן מיר אויס אונזערע טעג ניט ווויסנדיק כמעט גארנישט וועגן די ענלעכע צו אונז און ניט אסך מער וועגן זיך אליין.



דער שטילער אריינקום פון א טונקעלער געשטאלט האט צעשטרייט זיינע געדאנקען. דאס איז געווען זי, זיין כלומרשטער „אויסדוכט״, די אינטערעסאנטין פון ביורא, די פרוי, וועלכע ער האט געליבט. מיט א פינגער אויפן מויל אלס א צייכן ער זאל ניט איבעררייסן די מוזיק, האט זי זיך מיט שטילע טריט דערנענטערט און געזעצט לעבן אים. קעגנזייטיק פארקוקט אין זיך, האבן זיי זיך שווייגנדיק איינגעהערט אינם אפפליסנדיקן געזאנג, וואס האט באוויינט א ניט אויסגעלעבטע, באעוולטע יוגנט... ענדלעך האבן אפגעקלונגען די לעצטע טענער און פארזונקען געווארן אין שטילקייט.

זי האט פארמאכט דעם ראדיא. — ענדע — האט זי געזאגט. — ענדע פון דער ניט פערענדיקטער סימפאניע... — זי האט אויסגעצויגן די האנט. — צי שטער איך ניט?

ער האט אנגענומען איר האנט און נאך איידער ער האט באוויזן אפצוגעבן זיך א רעכענונג פון דעם, וואס ער טוט, האט ער צוגעדריקט צו איר די ליפן.

— און דאך זענט איר דאס — האט ער א צעטומלטער געזאגט. — כ׳האב געמיינט, אז ס׳האט זיך מיר אויסגעדאכט. וואס פאר א צופאל...

— ניין, ניט קיין צופאל. איך בין געקומען צו פארן, כדי אייך צו זען. איך האב זיך כיטרע דערוואוסט וואו איר געפינט זיך און בין געקומען.

ער האט געפילט ווי אין זיינע שלייפן קלאפן די אדערן. ער האט געמיינט, אז ער פארלירט דאס באוואוסטזיין: זי איז געקומען צו אים!

— כ׳האב געהאט דעם איינדרוק, אז איר האט מיר עפעס צו זאגן — האט זי זיך שטיל אנגערופן. — איך בין געקומען דאס הערן. כ׳האב עס געטאן, אונטערגעבנדיק זיך דער געפאר צו מאכן זיך לעכערלעך אין מיינע אייגענע אויגן. אלזא, כ׳האב א טעות געהאט?

— אסתר — האט ער געזאגט, אנרירנדיק איר האנט — איר זענט זיך ניט טועה. כ׳האב אייך ליב... פון דער ערשטער מינוט... זייט מיר מוחל.

— דאס איז מען ניט מוחל. — זי האט זיך מילד צעלאכט. — דערפאר דאנקט מען. כ׳האב זיך אנגעשטויסן — האט זי צוגעגעבן. — איר ווייסט, מיר פרויען, האבן אין דער הינזיכט א פארשארפטן אינסטינקט.

זיי האבן זיך געהאלטן ביי די הענט און געקוקט איינס דאס אנדערע אין די אויגן אריין. פון אונטן איז דערגאנגען דער אפקלאנג פון אפלאדיסמענטן, לענגערע ווי די פריערדיקע — א צייכן, אז דער אוונט האט זיך געענדיקט.

— אלזא? — האט ער געפרעגט. און וואס וועט איר מיר זאגן?

— אז איך ענטפער אפ מיטן זעלבן געפיל. — זי האט א דרוק געטאן זיינע הענט. — איך בין גליקלעך וואס דאס איז געקומען צו מיר כאטש ערשט איצט, אזוי שפעט...

— און וואס ווייטער?

— דאס איז אלץ. קיין „ווייטער״ וועט ניט זיין. כ׳האב א מאן און אן אכצן־יעריקע טאכטער. אויך אונזער סימפאניע וועט זיין א ניט־פארענדיקטע!

אין לייען־צימער האבן אנגעהויבן אריינקומען די געסט. עמיצער האט א דריי געטאן דעם קאנטאקט און א מונטע ליכט האט באגאסן די ווענט. אסתר האט זיך פארייניקט מיט די אריינגעקומענע, צווישן וועלכע זי האט געפונען באקאנטע. ער איז אומבאמערקטערהייט ארויסגעגאנגען פון צימער, אראפ פון די טרעפ און נאך א ווײַלע זיך געפונען אויסערן גארטן.

אנטקעגן אים האט זיך געצויגן א ברייטע אלייע, אראפנידערנדיק צום ים. זיין ריטמישער גערויש האט אונטערגעשטראכן די ארומיקע שטילקייט. ס׳איז געווען א שפעטער סוף־זומער אוונט. די נאסע בלעטלעך פון די ביימער ביים וועג האבן געגלאנצט אין ציטערדיקן לבנה־ליכט. אין דער ווייטנס האבן איבערן נידעריקן הימל שנעל זיך געטראגן באזילבערטע וואלקנס.

ער איז צו צום ברעג. צוזאמען מיט דער אנלויפנדיקער כוואליע האט דערגרייכט צו אים און אים ארומגענומען א געזאלצענער ווינטן־בלאז. ער האט אים גיריק איינגעאטעמט. ער איז געשטאנען פארהערט אינם גערויש פון ים, פארקוקט אויף זיין טאנצנדיקער, שימערירנדיקער אויבערפלאך.

„אויך אונזער סימפאניע וועט זיין א ניט־פארענדיקטע" — האבן זיך אים דערמאנט אסתרס ווערטער. — ווער ווייסט ? — האט ער א טראכט געטאן. שובערטס קאמפאזיציע איז נאך אפשר שענער דערמיט טאקע וואס זי איז ניט פארענדיקט . . .

## יוסף לעפטוויטש

### מיין געבוירנטאג

ווי אנ׳אפן בוך ליגט מיין לעבן אפן.
איך בלעטער פון רעכטס אויף לינקס דאס בוך,
אזוי ווי איך בלעטער יעדן טאג מיין סדור,
וואס דער טאטע האט מיר געגעבן אין מיין בר־מצוה וואך.

איך מיש צוריק די בלעטער ביזן אנהויב,
דורך אלע יאר ביז צום ערשטן טאג
ווען גאט האט אין מיינע נאזלעכער אריינגעאטעמט,
און איך האב גענומען זאגן מיין זאג.

כ׳האב שוין געזאגט מיין זאג, מיין תפלה פארענדיקט.
כ׳האב גאט פאר מיין לעבן געזאגט א דאנק,
ווי א מענש דארף דאנקען פאר אזא מתנה,
ווי א מענש דארף דאנקען פאר א טייערן געשענק.

שטיי איך איצט אנגעטאן אין מיין טלית.
ס׳איז מנחה־צייט, די זון האלט שוין ביים ברעג.
ס׳איז דער בין־השמשות פון מיין לעבן.
מ׳דארף זיך גרייטן גיין אין וועג.



די זון נעמט זיך איבער מיין קאפ זינקען.
איך שטיי און קוק און כ׳טראכט.
באלד וועט מען זיך שטעלן דאווענען מעריב,
און דאן לייגט מען זיך שלאפן אין דער נאכט.

## וואלף מאנקאוויץ

### א זעקעלע ארץ - ישראל ערד

משה האט מען אים גערופן, און ווייל ס׳איז קיינעם נישט איינגעפאלן זיך נאכצופרעגן אויף זיין פאמיליען־נאמען, און ווייל ער פלעגט פארקויפן געניצטע גראמאפאן־פלאטן כמעט נאך איידער מען האט געהאט דערפונדן דעם גראמאפאן, משה מוזיק. זיין שטאנד איז געווען אין אן אליקל, וואס ציט זיך פון פעטיקאוט־ליין ווי א פארגעסן וואסערל אין ווענעדיג אין וועלכן דער גרויסער קאנאל איז צוויי הונדערט טויזנט מענטשן, וואס שווימען זיך פויל צווישן די ברעגן פון מציאות.

בשעת איר שטופט אייך אזוי צוצוקומען גענטער צו משה מוזיק פארביי די קוואקעדיקע קאטשקעס אין קעסטלעך, פארביי וואו מ׳שלעפט ארויס די קישקעס פון פיש, פארביי וואו מ׳שניידט לאקס אין דינע פענעצלעך, פארביי וואו נאקעטע ארעמס נעמען ארויס הערינג און אוגערקעס פון פעסלעך, הערט איר שאליאפינען זינגען בקול־רם דורך א געשפאלטענעם הארן פון אן אלטן גראמאפאן, אדער דזשילי, זיין קול אביסל צו הויך און אביסל צו גיך, טרילען ווי א קאנאריק הינטער א שטויס רויט און גרינע ארבוזן.

משה איז געווען דער שמאטשיאזש פון מוזיק און מיין קענטעניש פון כמעט פארגעסענע טעאטער־לידער האב איך צו פארדאנקען וואס ער האט זיי אויפגעקליבן און אפגעראטעוועט.

פלעג איך אפטמאל שטיין צוזאמען מיט אנדערע זאמלער איבער די אלטע פלאטן בשעת משה אליין פלעגט אנשטעלן די בעסטע מציאה פון דער וואך אויף א גראמאפאן, וואס מען האט אים אנגעצויגן מיט דער האנט — „דאס געזאנג פון א פלוי" האט עס געקענט זיין אדער „באזאכט וואכט אויף מיין הארץ". פאמעלעך, פארזיכטיק, נעמענדיק אין אנבאטראכט אלע חסרונות, האבן די קונים אים באצאלט זייערע שילינגען און סיקס־פענסעס און משה פלעגט זיך גלעטן זיין האלב־גרויע בארד בשעת ער האט אזוי אריינגעשארט די מטבעות מיט גרויס פארזיכט אין אלטן שופלאד אריין.

א געוויסן זונטאג האט משה שוין געהאלטן ביים אוועקשטופן זיין שטאנד בעת איך האב נאך גענישטערט צווישן א גאנצן שטויס פון אלטע קארוזאפלאטן. „נעם די גאנצע קופע צו א שילינג פארן יעדן", האט ער געזאגט צו מיר. „ס׳וועט זיין איין לעצטע מציאה פאר דיר. ס׳מוז דא זיין אן ערך פינף און צוואנציק שטיק, גיב מיר איין פונט פאר אלע".

קארוזא האט נאך קיינמאל נישט געזונגען אזוי ביליק און ווער האט עס

געקאנט ביישטיין אזא נסיון — אפילו ווען ס׳האט געהייסן זיך שלעפן מיט דער מאסע פון דער אונטערגרונט־באן ווי אן איבערגעלאדן קעמל.

„היינט איבער אכט טאג וועסטו מיך מער דא נישט זעען”, האט משה געזאגט בשעת ער האט מיר געמאכט א פעקל פון די גראמאפאן־פלאטן.

„איר ציט אייך איבער אויף אן אנדער מקום”? האב איך געפרעגט, טראכטנדיק, אז דאס פעקל וועט מסתמא וועגן א טאן און צו וואס דארף איך אזויפיל קארוזא אין יעדן פאל?

משה האט מיר איבערגעגעבן די שפע קארוזא. צו זאגן גענוי, האט עס געוואויגן אנדערטהאלבן טאן, און די גענוצטע שטריק וואלט עס גארנישט אויסגעהאלטן. דערנאך האט משה גענומען עפעס זוכן ביי זיך אונטערן העמד און ארויסגעצויגן א קליין, אפגענוצט, רויט־סאמעטן זעקעלע.

„פופציק יאר שוין ווי כ׳טראג עס אנגעהאנגען ביי מיר אויפן האלז. פון רוסלאנד נאך. איבער פוילן — טיילמאל האב איך אפילו קיין באגאזש נישט געהאט, אבער אט דאס זעקעלע האב איך אלעמאל אפגעהיטן. און תמיד, פון יינגלווייז אן, האב איך מיך געשוואוירן, אז כ׳וועל עס צוריקפירן וואו עס געהערט. קיין בית־ציון”.

וואס קען דאס א מענטש ארומטראגן מיט זיך דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן אין א קליין, אפגענוצט סאמעטן זעקעלע?

„ערד”, האט משה מיר געזאגט, אביסעלע ערד פון הייליקן לאנד. איצט, האב איך מיר אפגעשפארט גענוג געלט עס צוריקצופירן — פונקט אויפן ארט פונוואנען עס שטאמט”.

צוויי צי דריי זונטאגן שפעטער האט די געוואוינהייט מיך ווידער געטריבן דורכן המון מענטשן צו משה מוזיקס שטאנד. ערשט ווען קיין געשטארבענעם זינגערס קול האט זיך נישט געלאזט הערן איבער די ארבוזן אריבער האב איך מיך דערמאנט, אז ער האט עמיגרירט צום לעצטן מאל אין זיין לעבן. געוויס האב איך באדויערט וואס ר׳איז אוועקגעפארן, אבער דאך צופרידן צו האבן פטור געווארן פון דער שלעכטער געוואוינהייט אהיימצוברענגען פעק מיט אלטע צעקראצטע גראמאפאן־פלאטן.

ויהי היום, א געוויסן זונטאג, ווען מיר האבן זיך געריכט אויף א צען־צוועלף עלטערע קרובים צום נאכטעסן און זיי האט מען נישט געקאנט צופרידנשטעלן מיט עפעס וויניקער ווי מיט די בעסטע הערינג, האב איך מיר גענומען די טרחא מיך צו שלעפן א לאנגן וועג ביזן בעסטן הערינגשטאנד אין דער איסט־ענד — די איינציקע אנדערע זאך פון אינטערעס אין יענעם אליקל פונוואנען משה מוזיק האט אויסגעוואנדערט. אבער בשעת איך האב מיר געמאכט א וועג צו די פעסלעך האב איך געהאט אינגאנצן פארגעסן דעם חילוק צווישן געזאלצענע הערינג מיט און אן א בארימטן זינגער.

און אט ווי אן אלטע ברוינע יידענע מיט א שווארצן שאל ארום דעם קאפ האט גענומען צעשניידן די הערינג מיט א גיך שלאנגען־מעסער, האט א רוסישער באס אנגעהויבן אויסדונערן „באריסעס טויט”. כ׳האב גענומען מיין



רינענדיקן בייטל הערינג און מיך אנגעהויבן צו שטופן צום ארט פונוואנען ס׳קול האט זיך געהערט. משה איז געווען דא צוריק ביי זיין מוזיק־מסחר.

דא האט איר זיי געקאנט ווידער זעען, די זעלביקע צאל זעקס־זיבן פארזיכטיקע זאמלער, ווי זיי האבן אויסגעסארטירט דעם זעלביקן צעקראצטן ראמש בשעת משה האט אנגעדרייט דעם זעלביקן צעבראכענעם גראמאפאן.

„נו, איר האט צוריק אוועקגעליינט דאס ביסל ערד?” האב איך געפרעגט.

„דאס ביסטו?” האט משה מיר פריינטלעך געדריקט די האנט. „געוויס האב איך אזוי געטון”, האט ער מיר דערקלערט, „און זאלסט נישט מיינען, אז, עס איז מיר אזוי לייכט אנגעקומען. ווען כ׳בין אנגעקומען קיין בית־ציון, איז דאס גאנצע מקום שוין געווען באדעקט מיט צעמענט פאר א דאם אדער עפעס אנדערש וואס זיי זענען געגאנגען אויפבויען דארטן”.

„האט איר, הייסט עס, אוועקגעלייגט דאס ביסל ערד ערגעץ אנדערשוואו?” האב איך געוואלט וויסן.

„אויב דו מיינסט,” האט ער מיר געענטפערט, „אז איך וועל מיך ארומטראגן פופציק לאנגע יאר מיט א זעקעלע ערד פון בית־ציון און כ׳וועל האלטן אין אפשפארן און אפשפארן, כדי עס צוריקצופירן קיין בית־ציון, און וועל סוף כל סוף אנקומען קיין בית־ציון, וועל איך אוועקלייגן דאס ביסעלע ערד אויף א אנדער ארט, זאג איך דיר, אז דו האסט א גרויסן טעות”.

א ווייטאק אין קאפ האט משה מוזיק אנגעמאכט יעדן איינעם מיט זיין זעקעלע ארץ־ישראל ערד. ער האט אזויפיל באאמטע דערקוטשעט דאס לעבן ביז זיי האבן צום סוף באשלאסן, אז די בעסטע זאך וועט זיין גיך דורכצובויערן דורכן צעמענט אין בית־ציון און צו לאזן משהן צוריקלייגן דאס ביסל ערד. דערנאך וועלן זיי אפשר קאנען אומגעשטערט אויפבויען דעם דאם און אנדערע בנינים.

„משה, פארוואס זענט איר דארטן נישט פארבליבן? זיך צוריקציען פון מסחר דארטן — ניין?” — האב איך אים געפרעגט.

„ניין”, האט ער מיר געגעבן צו פארשטיין, „דאס וועטער איז דארט וואונדערלעך די גאנצע צייט, קענסט דיר קלויבן פאמעראנצן ביי דיר אין גארטן, ס׳איז דארטן דא אייניקע קליינע פאליטישע סכסוכים, אבער ווער מען אינטערעסירט פאליטיק כל־זמן מיר וועלן האבן ירושלים צום סוף. און לאמיך דיר זאגן, עס איז א וואונדערלעך לאנד — אבער ס׳איז א לאנד פאר יונגעלייט, נישט פאר זקנים ווי איך. נאך א זאך, כ׳מיין נישט צו זוכן חסרונות, נאר דו וועסט שוין וויסן וואס איך מיין ווען כ׳זאג דיר, יא, — ס׳איז דארט וואונדערלעך, ס׳איז אבער נישט די איסט־ענד”.

ר׳האט ארויפגעלייגט אן אנדערע פלאטע אויפן גראמאפאן. און פונקט ווי אן איטאליענישער טענאר האט אנגעהויבן זיין טרא־לא־לא־לא דורכן „בארבירער פון סעוויל”, א שטיק וואס יעדער איינער טענאר זינגט, האט משה זיך ווידער גענומען טאפן א מאמענט אונטערן העמד און ארויסגעצויגן א ניי סאמעטן זעקעלע.

„ערד פון הייליקן לאנד“, האט ער מיר דערקלערט. „כ׳האב נישט געקאנט אוועקפארן אן אביסעלע ארץ־ישראל ערד לזכרון“.

פון ענגליש איבערזעצט,
**א. אלמוג**

**יוליאן טווים**

## פ א ע ז י ע

א, פאעזיע וואס איז דיין נאמען?
שעפעריש? וואס שאפסט דו? דיין אמעז.
ביסט א פלאם מיט פייער רויך
גאלדיג אין זייען און גאלדיג אין שניט־צייט אויך,
דו באשיטסט דיך אין דער פינסטערניש מיט שטערן
כ׳לויף אינדערנאכט דיך קלויבן מיט א הארץ א שווערן,
אויב ס׳זענען ניט דא די שטערן, בלייב איך איינזאת מיט טרערן
ביזט א שטערן אין זיין שטן.
א, כישוף, ביסט צו וויין און שיכרות געראטן,
א פארשיכרט ליד וועגן הבל הבלים,
נאכדעם וועגען דעם חלום א דערינערונג.
נאכדעם וועגען דעם חלום א ערינערונג,
כ׳הויב דיך, בעכער סודותדיגער,
פייער, שטערן זייענדיגער און וואקסענדיגער,
דו, וואס ביסט דער ציל און די סיבה,
דו, ס׳ערשטע און דאס לעצטע!
וויין טרונקסט דו פארן וויינס געזונט
א, מיט דיר בארים איך די אייביקייט.
פאעזיע! דאס איז יובלעום טאוסט.
ס׳איז שוין איבער דרייסיק יאר,
ווען האסט מיר געבראכט די נייעס גאר,
אין די פינקענדיקע נאכט — היינט ווי אין א נעפל,
און פון דאמאלט, אדם און אריפעיאוש,
אין גן־עדן אדער אין גהינם מיט דיין מאכט
באזוך איך הויכקייטן און טאליקע לעכער...
צען טויזנט טאג און נאכט,
אפשר גאר עלף טויזענט.
וועמען וועל איך איין טויזענט שענקן?
אפילו א שעה וועל איך ניט שענקן,
א מינוט אפילו פארקארגן,
א, ווי איך גלויב אין דיר, ווען כקוש דיך,
אזוי זיס לייד איך, ווען כ׳צווייפל מיט זארגן.

יידיש: **משה דאמב**



**משה בעקערמאן**

## דער בלינדער לאטעריע - צעטל פארקויפער אין ניצע

דער פלאץ מעטונא, אין ניצע, איז כמעט ארומגערינגלט פון הויכע, רויט־ציגלדיקע געביידעס, אין וועלכע ס׳געפינען זיך פארשיידענע געשעפטן, מאגאזינען און די הויפט קאסינא. איך זאג די הויפט קאסינא, ווייל ניצע איז „באגליקט“ מיט צוויי קאסינאס, די קלענערע געפינט זיך אין צענטער פון דער פראמענאד דעז־אנגלעי.

דא האט איר א ספעציעלע אפטיילונג פארן פראסטן נאראד, דאס הייסט פארן „פאלק“, וועמען ס׳איז דערלויבט צו שפילן מיט קליינגעלט, אזוי, אז עס וועט אייך אנקומען מיט צרות צו פארשפילן א הונדערט פראנק.

נאר טעמער האט איר אביסל צופיל געלט און צו וויניק געדולד, זאלט איר ליבער ארויפגיין אויפן ערשטן שטאק, וואו איר וועט קענען מניה וביה פארלירן עטלעכע הונדערט פראנק אין אייניקע מינוט.

אין דער הויפט קאסינא אבער אויף פלאץ מעסינא איז דא בלויז איין אפטיילונג, נישט קיין צוויי. אויך אט די דאזיקע אפטיילונג איז פארן „פאלק“, נישט, חלילה, פארן פראנצויזישן, נאר פארן אמעריקאנער, פארן דייטשישן, פארן ענגלישן און פאר די סקאנדינאווישע פעלקער. אויף קיין דיסקרימינאציעס וועט איר דא נישט אנטרעפן, און טאמער מאכט זיך מעשה צופאל, אז עס פארבלאנדזשען אהער אריין וועלכע עס איז אריענטאלישע פרינצן, מאהאראדזשאס אדער קאליפן פון די „אומאנטוויקלטע לענדער“, באהאנדלט מען זיי גענוי אזוי ווי די „פאטראנען“ פון אנדערע לענדער.

נאר לאמיר לאזן אט די אריסטאקראטן אין א זייט און גיין צום בלינדן צעטל־פארקויפער.

אין אט די אלע רויטע געביידעס געפינען זיך ארקאדעס, וואו עס גייט אן א כסדרדיקער פארקער פון טוריסטן, און עס איז זיי זער שווער זיך אוועקצורייסן פון די העל־באלויכטענע שוי־פענסטער, אין וועלכע עס זענען אויסגעשטעלט געוואלדיקע „מציאות“.

צוליב צוויי טעמים האט איין ארקאדע צוגעצויגן מיין אויפמערקזאמקייט: ראשית, איז דארט דא א בוכהאנדלונג מיט ביכער אין כלערליי לשונות און צייטונגען פון די מערסטע אייראפעאישע לענדער, רוסלאנד בתוכם. עס איז באמת אן אנגענעמער צייטפארטרייב ארומצושפאצירן אין אט דער בוכהאנדלונג אומגעשמערט. איז עס דאך ביי מיר א שוואכקייט אזא צו וועלן פארברענגען די צייט אין בוכהאנדלונגען. שנית, זיצט דא א בלינדער לאטעריע־צעטל פארקויפער. וועט איר דאך זיכער פרעגן וואס פאר א חידוש עס איז א בלינדער הענדלער? האט זשע, זייט מוחל, א קאפיטשקע געדולד און כ׳וועל אייך דערציילן.

וואס אן אמת געפינען זיך ביים ראג פון אט דער דאזיקער ארקאדע אזש

דריי לאטעריע־צעטל פארקויפער. אויף איין זייט זיצט א דיקע פרוי, וואס הערט נישט אויף צו שמייכלען, און טראגט א ברייטן שטרויענעם קאפעליוש, וועלכער זעט אויס ווי א רעגנשירם אויף איר קאפ. תמיד איז זי ארומגערינגלט פון ענלעך דיקע ווייבער, וואס האלטן אין איין מאטלען און לאכן, אזוי, אז עס זער שווער פאר א קונה צוצוקומען. אויף דער אנדערער זייט, שוין אונטער דער ארקאדע אין א קיאסק זיצט אן אנדערע פרוי, אינגאנצן דער היפוך פון דער ערשטער. די איז דאר, גערונצלט, אלט, א פארזעסענע מויד, וועלכע האט, באמנות, קיין חשק נישט אייך אויסצוצאלן וואס איר האט געוואונען אויף א צעטל, נאר באמיט זיך אייך אפצופטרן מיט נייע צעטלען אנשטאט דעם געווינס.

צווישן אט די צוויי איז עס געלונגען דעם בלינדן זיך איינצואורדנען אויף א „סטראטעגישן" פונקט. גייט איר דארטן פארביי וועט איר מסתמא זיך אנשלאגן, נישט ווילנדיק, אין ברייטן, פלאכן קעסטל, וואס הענגט אים אראפ פון די אקסלען און דינט אים ווי א „קיאסק". און אז איר טרעפט זיך מיט אים פנים־אל־פנים, בעיקר מיטן ווייסן שטעקן זיינעם, ווייסט איר שוין אויף זיכער, אז איר האט דא צו טון מיט א בלינדן מאן, וואס פארקויפט לאטעריע־צעטלען. אגב דינט אים דער ווייסער שטעקן ממש ווי א שילד צום געשעפט.

די גאנצע וואך זיצט ער זיך אזוי דא אויף זיין באשטימט ארט אוןווארט געדולדיק אויף קונים. משמעות האט ער בטחון אין גאט, אז ער וועט אויך אים נישט פארגעסן. חוץ מזה האט ער מסתמא נישט מורא, אז די קאנקורענטן זיינע קענען אים שטערן אין דער פרנסה. ווען א קונה דערלאנגט אים א באנקנאט פון צען אדער פופציק פראנק, גיט ער א גיי איבער מיט צוויי פינגער די לענג און ברייט פונם באנקנאט און אן שום שהיות דערלאנגט ער אים א רעשט. אינסטינקטיוו נעמט ער ארויס פון באזונדערע קעשענעס די באטרעפנדע מטב־עות אדער פאפירן געלט.

אזוי זיצט ער זיך יעדן טאג אויף זיין ארט ביז עס קומט די צייט איינ־צופאקן די סחורה און גיין אהיים. איז ער נישט פארנומען מיט קונים קלאפט ער זיך אויס אזעלכע מאנאטאנע טענער מיט די ברייטע פינגער זיינע אויפן קעסטל. קומט אבער מיטוואך נאכמיטאג, ערב דער וועכנטלעכער ציאונג, איז זיין גאנץ באנעמען זיך אנדערש. ער ווארט שוין דעמאלט נישט אויף קיין קונים. ווארטן איז דעמאלט א „לוקסוס", וואס ער קען זיך ממש נישט פארגינען. יעדע מינוט איז מיט גאלד צוגלייך. וואס ער וועט איצט נישט פארקויפן איז ווי געלט פארלוירן פון דער קעשענע. מארגן וועט דאך שוין זיין א נייע סעריע לאטעריע־צעטלען, און דא האט ער נאך א סכום נישט־פארקויפטע! די צייט איז קורץ, טא מוז ער מאכן א לעצטן פארזוך.

ראפטום שטעלט זיך דער בלינדער אויף, מיט אן ערנסטן אויסדרוק אויף זיין פנים. די בלינדע אויגן באוועגן זיך, ווי וועלנדיק צעשיידן די אויבערשטע וויעס פון די אונטערשטע, ווי וועלנדיק אדורכברעכן די פינסטערניש, וואס רינגלט אים ארום.



פעסט אנטשלאסן, מיטן ווייסן שטעקן אין דער האנט, נעמט ער גיין איבער דער גאנצער לענג פון דער ארקאדע, צומערשט פאוואליע און דערנאך האס־טיקער. ביסלעכווייז ווערט זיין קול העכער און העכער ווי איבערצושרייען דאס גערויש פון די מאסן פארבייגייער, צוקלאפנדיק מיטן שטעקן צום טאקט און אפעלירנדיק צו זיי;

— קויפט א צעטל! אייער לעצטע געלעגנהייט!! געבליבן בלויז נאך אייניקע צעטלען!

די ווערטער קומען ביי אים ארויס מיט א סארט ניגון, וואס דערמאנט אייך, להבדיל, ווי דער שמש אין שטעטל פלעגט וועקן צו סליחות.

ווען די דיקע פרוי און די דארע מויד קלייבן זיך שוין צו גיין אהיים איז נאך דער בלינדער פארטון אין זיין „מיסיע" צו באגליקן דעם עולם. טראפנס שווייס קענט איר זעען ביי אים אויפן שטערן ווי ער טאפט די לעצטע צעטלען אינם פלאכן קעסטל. מיטאמאל שטעלט זיך אפ זיין פאטעטישער ניגון, א געדאנק פליט אים אין קאפ אריין. אפשר, ווער ווייסט?... די פארקלעפטע וויעס רירן זיך דעמאלט נישט מער. נאר א סימן פון א שמייכל באווייזט זיך יא אויף זיין פנים. מיטן קאפ פארריסן צו דער ליכטיקער וועלט, דאס קעסטל אונטערן לינקן ארעם זיינעם און דער שטעקן אין דער רעכטער האנט, לאזט אויך ער זיך גיין אהיים פול מיט האפנונגען...

— — — — — — — — — — — — — — —

איבעראכטאג מיטוואך, ווען כ'בין געקומען זעען ווי דאס גליק האט אים צוגעשפילט, האב איך באמערקט, אז אין דער ארקאדע האט זיך לחלוטין גארנישט געענדערט...

## שמואל ווהייט

## דער בעכער

איך הויב אויף דעם איבערפילטן בעכער
כ'ווייס ניט וואס פאר א ברכה צ'מאכן:
היינט איז פורים, מען מוז פריילעך זיין!
ווילט זיך מיר וויינען גאר אנשטאט לאכן;

ווי פון „פאנדאראס קעסטעל" הער איך
טראגן זיך זיפצן אין יאמער פון בעכער,
מיליאנען קדושים שוועבן פאר מיר
צעבלייט, פארברענט, מיט ברוסטן געלעכערט.

ס'שווינדעלט מיר אזוי אין די אויגן.
דערזע מתים מיט אויסגעשטרעקטע הענט,
זיי פאדערן — זיי מאנען, פאר וואס? פאר ווען?
זענען מיר געווארן אומשולדיק פארברענט?

ס׳וואקעלט זיך דער בעכער, כוויל אים שטילן,
**זוך איך א ברכה טראכט אין קלער.**
אפשר — „שפוך־חמתך" און פון די אויגן
**פאלט אין בעכער א זודיגע טרער...**

פאנדאראס קעסטעל — א מיטאלאגישע לעגענדע וואס האט ענטהאלטן פורעניות. אויפעפענדיג דאס קעסטעל, זיינען זיך אלע צרות אויף דער וועלט ציפלויגן.

## געווידמעט מיין ליבן חבר א. נ. שטענצל צו זיין יובל השבעים

וי פון ווילדען מידבר,
ווען מען באגעגנט אן א אזיס,
אזוי קוויק איך מיך מיט דיינע לידער.
געניסענדיק פון דעם קוואל —
דעם קוואל פון טיפע, שענע געדאנקן:

ס׳איז ווי מים־חיים,
וואס דערפרישט און באלעבט מיך,
שוועב איך מיט דיר מיט,
געטראגן אויף „פעגאזוס" פליגעל
און שפיגעל מיך און דיין לויטערן געדאנק.
פון העלער ליכטיגקייט —
אין דעם ליכט, פון דיין טיפן רעיון.

כוועב מיך אויך אריין אנטפלעקענדיק,
די פארבארגענע סודות אין דערגרייך
דעם מקור פון דיין ערהאבענעם שאפן.

**א. נ. שטענצל**

## בראשית — אין אנהייב

1

דורך די זעלבע געסלעך, וואס שפאצירנדיק בייטאג מיט שיען, גייענדיק אצינד אין דער בין־השמשות שעה מיט די צוויי אונגארישע בהורים צו דער ברונען־שטראסע צו, צוצוקומען ערגעץ דארט צום נאכט־אזיל, האבן די זעלבע געסלעך א גאנץ אנדער פנים איצט געהאט. די צוגעמאכטע געשעפטן, די אויס־געקערטע גאסן, די אנגעצונדענע לאמטערן, די מענטשן איבערגעטאענע, ווי צו א ביליקער שמחה, ווי צו אן ארעמער חתונה — מ׳האט אנגעטאפט די אנגעגליטע אטמאספערע.



פאר די קאפעעלעך און רעסטאראנדלעך, וואו בייטאג האט עס געראיעט מיט סוחרימלעך און שפעקולאנטלעך, האט עס איצט שושקעדיק געפלימערט. מיט אויסגעסטראנצלטע פרויען, געפודערטע און געשמינקטע, ביליקע גאסן־פרויען צו כאפן א פארדינסטל און „וויטישע" — דאס פארדינסט פון א שווערן טאג ארבעט צו פארשווענדן, כדי צו פארברענגען אין דער געזעלשאפט פון א מאן אין א קאפעע, אין א טאנץ־זאאל... נישט וויניקער פארשארפט ווי די הונגער־נויט — דאס אויף לויט אנגעוואויגענע פיצעלע פוטער, דאס צוגע־טיילטע באנעס־ברויט — איז געווען די סעקסועלע נויט.

אין א לאנד, וואו מיליאנען יונגע מענער זענען נישט צוריקגעקומען פונם שלאכטפעלד און טאפלט ווי די געפאלענע זענען פון די אהיימגעקומענע שווער־פארוואונדעטע, און די הויז־פרוי ווערט בעל־כורחה אריינגעצויגן אין יעדער שווערער מענער־ארבעט פון ווערקשטאט ביז צום טראמוואי־טריי־בער, ווערט זי אויך, נישט נאר אין שטוב בחדרי־חדרים די צוגעלאזענע, נאר זי ווערט גאר די ארויספאדערנדיקע, א צעלאזענע. ווי די שארפע ריחות פון די עסענצער, וואס האבן ארויסגעדאמפט אין דער מינץ־שטראסע פון די אפענע רעסטאראן־טירן, האבן די ווינקל־געסלעך, די טונקל־שאטנדיקע, געאטעמט מיט די קלעפיקע קראנקהייטן.

אין אזא אנגעגליטער אטמאספערע, שוין אדורכגייענדיק דורך איר, ווערט מען אנגעשטעקט. מען פילט ווי דער אטעם שטיקט זיך מיט עפעס, ווערט שווערער און ברעכט זיך איבער. דער אייליקער שריט, וואס איילט זיך ערגעץ אריין, ווערט איינגעהאלטן, פאמעלעכער.

יא, איך גיי, מיינע פיס באוועגן זיך, אבער מיין קאפ איז נאך אויבן אין דער שטוב ביי די בראנשטיינס. און פון אלע פנימער האט פאר מיינע אויגן נאר געשוועבט איין פנים, ניין, נישט קיין פנים, א בלאנדער קאפ־האר, מיט א ווייסן שרינט... ער ציט זיך, ער ציט זיך און איך גיי נאך... איך גיי אויף אים און שמייכל נארישעוואטע: יא, שיע איז גערעכט געווען היינט ביי־טאג שפאצירנדיק מיט מיר דא אין די געסלעך: „דא פארדינט יעדער ערלעך זיין שטיקל ברויט"...

און אין דער אמתן וואס איז דען דער אונטערשיד? גאר קיין גרויסער חילוק נישט... יענע מיט זייער געראיע בייטאג מיט די פלינק־ווינקענדיקע, רוישנדיקע אויגן און זיי דא איצט מיטן צודריקן איינס און מיטן צווייטן ווינקענדיק... אין דער אמתן, איז דען גרויס דער אונטער־שיד?...

ביי דעם עלטערן פון די אונגארישע ברידער, וואס איז געווען פאראנט־ווארטלעך פאר זיין יונגערן, האט זיך אויסגעפארעמט א גאנצע טעאריע: „איידער צו ווערן אן אנאניסט איז שוין אסך געזונטער איינצושטעלן צו כאפן א ווענערישע קראנקהייט — די קאן מען כאטש אויסהיילן. און מיט א פראפעסיאנעלע גאסן־פרוי איז מען שוין זיכערער ווי מיט א „וויטישע"... די ערשטע איז כאטש אונטער פאליציי־קאנטראל".

אריינקומענדיק אינם טונקעלען זאק־געסל פון נאכט־אזיל פונקט ווען

זיינע טויערן האבן זיך שוין געהאלטן ביים שליסן און פארלעך אין דער טאפנדיקער פינסטערניש האבן זיך געהאלטן ביים שיידן, האט עס צוזאם מיט די פעטע קושן געקנאלט: „שאץ, מארגן אין קאפעע“, „שאץ, מארגן ביים טויער“, „שאץ —“

ביים ארייגאנג האב איך מיך איבערוועקט ווי אינמיטן א חלום. דער גרויסער דייטש, וואס האט אנגענומען די שלאף־צעטלעך האט געהאט צו מיר א גערעכטע טענה: „אויך שוין א שאץ? די ערשטע נאכט שוין ביים איינ־שרייבן... געקענט קומען אביסל צייטלעכער“.

אין דער ערשטער באלויכטענער האלע, דירעקט ביים אריינקומען, וואו יעדער האט באקומען צוויי שטייפע קאלדרעס, באנוולנע, שווערע, א המוציא שווארץ ברויט מיט א טעפל שווארצע ציקאריע, האט גערוישט, געקאכט, געטומלט ווי אין א קאזארמע. אין דער טונקעלער באלייכטונג האט מען קיין פנימער נישט געזען, נאר קעפ, ווילד באוועגלעכע שאטנס, לאנג אויס־געצויגענע אויף די הויכע נאקעטע ווענט — איך האב די צוויי ברידער פארלוירן.

פון דער אריינגעקומענער האלע, דער פרוזדור אזוי צו זאגן, האבן זיך געצויגן איינס אין אנדערן אריין אפענע האלן מיט הויכע נאקעטע ווענט, מיט צעמענטענע פאדלאגעס באלייגט מיט רייען אויסגעשטעלטע אייזערנע בעט־געשטעלן. פון א גרויסער וואפן־פאבריק, אפנים, האט מען אויסגערוימט די מאשינען און אויסגעשטעלט אין גראדע שורות ווי הארמאטן די ליידיקע אייזערנע בעט־געשטעלן.

די גרויסע מעלה איז דא געווען די ריינקייט און די לופטיקייט. די האלן זענען געווען דריי שטאקיק הויך און די צעמענטענע פאדלאגעס זענען צוזאם מיט די אייזערנע בעט־געשטעלן יעדן טאג, ווי נאר דער עולם איז אויפגעשטאנען, אפגעשווענקט געווארן מיט שפריצן פון גרויסע וואסער־קישקעס און די קאלדרעס באלד צוגענומען געווארן אויסגעדעמפט צו ווערן. די שטאקן־הויכע פענסטער — אויפגעפראלט פון אלע זייטן. איז וויפל מיר האבן זיך נישט געפונען אין אזא קאזארמע־האלע איז תמיד געווען פריש און לופטיק. אבער אויף די אייזערנע סדום־בעטלעך האט מען זיך געווארפן אין די קאשמארן־נעכט און אויפגעשטאנען נישט אויסגעשלאפענע, מיט אפגעדרוק־טע דעסענס אויפן לייב — מ'איז ארונטער פון די געלעגערס אדם־נאקעט, איינגעהילטע אין די הארטע פערד־קאלדרעס, בארוועס אויפן קאלטן צעמענט און דירעקט אריין אין באד־זאאל, אויפגעשוידערט אונטער די אייז־קאלטע פרישניצעס, אויסגעקנאקט די ביינער און זיך מחיה געווען — ס'האבן געהילכט די עכאדיקע, ליידיקע האלן פון דעם הנאהדיקן און תאווהדיקן אויפיוכצן און די ווילד־הירזשענדיקע געשרייען.

יוגנט קאן אלץ מיטמאכן און אויסהאלטן! אבער דער אכסניא־אזיל איז לכתחילה אזוי צוגעגרייט געווארן, אז מער ווי דריי נעכט און עודך נאך א מאל דריי נעכט זאל עס קיין בן־אדם נישט מער אויסהאלטן.



אבער דריי טעג, זעקס טעג אויך און אמאל אויך ניין טעג, איז געווען א שאנס עפעס צו געפינען און זיך ווי נישט איז איינארדענען.

כשר? טריפה? ווי ס'זאל נישט זיין! געפונען ארבעט ביים פאך דורך א באקאנטן, ווערן א פעקל־טרעגער ביי א הויזירער, געפינען א צימער צום וואוינען אויף „שווארץ“ אדער ביי א „שאץ“ וואוינען נישט איינגעמאלדן. אפט־מאל האט דער „יידישער ארבעטס־אמט“ געפונען פאסיקע ארבעט און אויף א לעגאלן אופן אלץ איינגעארדנט; ביז צו דער גליקלעכער מינוט האט מען אבער געמוזט אננעמען יעדע שווארצע ארבעט, וואס זי האט צוגעוויזן. ס'האבן זיך אויך געוויזן מעגלעכקייטן צו עמיגרירן.

די צוויי אונגארישע ברידער, וואס האבן שוין דא געוואוינט די פערטע דריי טעג, האבן פון ערשטן טאג אן דא „געארבעט“ מיט א פלאן: אהיימפארן לעת־עתה קאנען זיי נישט, קוים מיטן לעבן זיך געראטעוועט פון דער אונטער־דריקטער רעוואלוציע. עמיגרירן ווילן זיי אויך נישט, ווייל זיי ווילן זיין וואס נענטער צו זייער היים און ביי דער ערשטער מעגלעכקייט קענען צוריק אהיימ־פארן. קיין פאך אין די הענט האבן זיי נישט. דייטש קענען זיי, האבן זיי באשלאסן זיך אויסצולערנען בוכהאלטעריע מיט דער הילף פון א קורסן־בוך.

געזאגט און געטון: באלד דעם ערשטן טאג געקויפט אזא לערנבוך, און ווי ס'האט נאר גענומען בלישטשען אויף טאג, ווען דער עולם שלאפערס האט זיך נאר געווארפן אויף די סדום־בעטלעך, האבן זיי שוין געגארעט זייער בוכהאל־טעריע.

שפעטער, ווען חברה האט זיך אויפגעכאפט און די עכאדיקע האלן האבן גע־הילכט, געטומלט פון ווילדע געשרייען פון געזאנג און פון נבול־פה, האבן די צוויי שוין געגעסן זייערע שווארצע המוציאס, צוגעטרונקען די „שנאבל־בריע“ און געזוברעוועט זייער בוכהאלטעריע. ווען דער אזיל איז געשלאסן, האבן זיי געפונען עפעס א זייטיקע באנק אין א גארטן און זי געקוועטשט ווי צוויי מתמידים.

איך בין שוין די צוויי נעכט נישט אהערגעקומען שלאפן. כ'בין איבער־הויפט נישט געשלאפן. בייטאג האט מען זיך געדרייט אין די געסלעך, אריבער איבערן האקישן מארק און געזעסן אויף א באנק ביים שפרעע; איבער די לידן, זיך ארייגעדרייט אין טיר־גארטן. לעווין איז געווען גליקלעך צו האבן א „קרבן“ אין וועמען ארייצוריידן זיינע שרייבערישע פראבלעמען, זיין עטיש־סאציאליסטישע טעאריע. וואו זאל ער זיך אהינטון אין שטוב, אז די פרוי איז קראנק און זיין שרייבטיש איז אנגעלייגט מיט כלערליי מעדיצינען? די קינדער האט ער אויף א שעה־צוויי ארייגעגעבן צו א שכן... און ווען לעווין האט געמוזט אהיימגיין, ווייל די פרוי איז שוין מסתם וואך און די קינדער מוז מען אפנעמען, האט אברהם מרגליות געהאלטן זיין דרשה איבער פאעזיע, „דעם מהות פון פאעזיע“, און געליינט זיינע אייגענע שאפונגען.

און אין די נעכט, ווען שיע האט געגרייט זיינע „באנקעטן“ און זיין מאקס האט באוויליקט צו זינגען דעם „יאהיי“, „דאס פאסטעכל“, צו לייענען דעם

„באסגייגער״, איז געווען א יום־טוב ביז נאך האלבער נאכט: „בו, בו, בו״.

איך האב אויף אים געקוקט און פארשטאנען „דעם מהות פון פאעזיע״: „און ער האט געמיינט, אז דאס זענען זיינע ביינדעלעך, זיינע ביינדעלעך״, טאקע זיינע ביינדעלעך.. זעען דען די שטיינדעלעך נישט אויס ווי ביינדעלעך ?.

„בו, בו, בו —״ די גאנצע וועלט שטייט אויף דעם תם, דעם ל״וניק. ער קומט און לויפט אוועק, ער קומט און לויפט אוועק און אינצווישן איז אלץ אפגעטון. אלץ געפינט זיין תיקון... „בו, בו, בו —״ כ׳האב ערשט פארשטאנען די סודותדיקע טיפקייטן פון פרצן...

דערנאך, אז מ׳האט גענומען באגלייטן די מיידלעך, האט עס שוין גענומען טאגן —

מאדנע האבן זיי מיך געלאזן מיט גוסטען עקסטרע אזוי מיט־צעפלייסן, אין די טונקעלע געסלעך. אדער מיר ביידע זענען דאס געווען, וואס האבן זיך צוריקגעהאלטן, הינטערשטעליק געבליבן, כדי צו בלייבן אליין ?...

און פארטאגס צוריקגעגאנגענע שוין מידע, איינזאם פארלוירענע, פון די באגלייטונגען איז דער קליינער מאסטבוים ערשט לעבעדיק געווארן און גענומען דעקלאמירן — ער איז העכער געווארן, זיין גרויסער געקרייזלטער קאפ־האר איז נאך גרעסער געווארן.

איך האב געמוזט אהיימגיין מיט אים: די דייטשע לידער קאן ער פון אויסנווייניק, די יידישע וועט ער מיר אין דער שטוב פארלייענען.

אהיימגעקומען, געמאכט א שווארצע, שטארקע קאווע און גענומען פילאזאפירן און גענומען צונויפלייגן גאר שטויסן שטרוי־היט און זיי ארייגלייגן אין גרויסע שאכטלען, מיט וועלכע ער מוז באלד פארן אויף א מארק: נאטירלעך, ווען איך וויל, ווען איך האב לוסט קאן איך מיטפארן. איך וועל זיין פאר אים א שטיקל הילף און פארדינען אפאר מארק, א ייד מוז זיך אן עצה געבן...

די צוויי טעג זענען געווען איין יומא־אריכתא, איין לאנגער טאג, וואס האט זיך געצויגן אכט און פערציק שעה.

אבער ויהי ביום השלישי און וואו א ויהי איז דאך א צרה. איך האב טאקע נאך געהאט די צוויי שלאף־צעטעלעך, אבער זיי זענען געווען אויסגעגאנגען... און יעדער פאליציסט אין גאס קאן פרעגן אויף פאפירן, און אין א רעסטאראנדל איז א סכנה אריינצוגיין, ווייל מ׳קאן מיטגענומען ווערן מיט אן אבלאווע.

באין ברירה, געמוזט ארויפגיין צום ארבעטס־אמט „באנייען״ די צעטעלעך: לאמיך נאר האבן נאך א דריי־פיר פרייע טעג און דערנאך וועט מען ווייטער זעען... ארויפגעקומען און דערזעען די צוויי ברידער האב איך מיך זיי דערפריידט, ווי כ׳וואלט געווען א דריטער ברודער פון זיי.

זיי זענען טאקע אויך דא צו באנייען זייערע צעטעלעך... אבער ביי זיי איז אביסל שווערער, ווייל ביי זיי וועט עס שוין זיין צום פינפטן מאל... מ׳האט זיך טאקע א שיין ביסל זייטלעך אריינגעלערנט אין דער בוכהאלטעריע,



אבער ס׳איז ערשט אן אנהויב... מען וועט מוזן אננעמען א שווארצע ארבעט... עס הייסט, מען זוכט מענטשן צו דער קארטאפל־ערנטע... איך קאן טאקע נאך לייכט באנייען די שלאף־צעטעלעך, אבער זיי האבן דאך געהערט, אז איך בין פון פאך א גערטנער, א לאנד־ארבעטער, אפשר פארן מיר צוזאם...

איך האב מיך אנגעכאפט דערין! עס האט געגעבן א ווייע אויף מיר מיט זאפטיקער, דאמפנדיקער ערד, מיט דארף, מיט פעלד, מיט עסן צו דער זעט, מיט אויסשלאפן זיך אויף א ווארעם, ווייך געלעגער... עס האט א ווייע געטון מיט געזונטער ארבעט, מיט יגיע־כפיים...

בשעת די צוויי ברידער זענען צוגעקומען צום אפיס־פענסטערל האט דער בחור אינעווייניק מיט די פלינקע אויגן און שנעל לויפנדיקע הענט געמאכט מיט זיי קורץ און שארף: זיי האבן טאקע גוט אויסגעווארט, ס׳איז היינט „עבן״ דא גוט־באצאלטע ארבעט מיט פולער באקעסטיקונג אין א גוט אין פאמערן... ממש פארן אויף „זאמער־פרישע״...

ער האט נאך ווייטער געוואלט ציען זיין מאנאלאג, אבער זיי האבן שנעל מסכים געווען. ער האט זיי געגעבן צוויי מיטאג־צעטלען אין דער סטודענטן־היים און זיי געהייסן זיין פונקט פיר אזייגער אויפן שטעטינער באנהאף.

אז איך בין צוגעקומען צום אפיס־פענסטערל, איז ער געווארן גאנץ פריטשמעליעט. די פלינקע אייגעלעך האבן אנגעהויבן גיך לויפן און די צוויי איילקע הענט: איז איינע שטעקן געבליבן אין פענסטערל ווי מיר אפצושטעקן א חברישן „שאלאם״ און די צווייטע האט געוויזן אומבאהאלפן טיף אין אפיס אריין, ווי צו א צווייטער שטוב דארטן: אפשר זאל ער מיך מעלדן ביי רודלען, און ער וועט שוין געפינען פאר מיר עפעס פאסיקס; און דערווייל אפשר פון דער פארטיי אדער פון א ליטעראַרישן פאנד... „איך הער דאך אויבן״ ביי די בראנשטיינס, אז „זי זינד איינע גרעסע״. „די גוסטל״ — און פלוצלינג אפגעהאקט ווי ס׳לשון וואלט אים אפגענומען געווארן —

איך האלב פערשטאנען, שוין די ערשטע נאכט אים זעענדיק ארייגריידן צו גוסטא׳ן, אז ער איז נישט גלייכגילטיק צו איר. און אין די אנדערע צוויי טעג ביי מיין ריידן מיט איר דאס ווארפן פון זיינע אייגעלעך אויף מיר... אבער איצט איז מיר שוין קלאר געווען, אז איך בין אים אין וועג... א רעוואל, א קאנקערענט...

נאך איידער ער איז צו זיך געקומען, האב איך צו אים געזאגט: אז אויב אויף דער זעלבער אדרעס אין פאמערן איז דא נאך א פרייער פלאץ, וואלט איך מיט די צוויי גערן מיטגעפארן.

ווי א דערלייזטער האט ער אויפגעשטראלט: „נאטירליך, עבן, זעלבסט־פערשטענדליך. איר זענט דאך א לאנד־ארבעטער פון בארוף״. עס אזוי ארויסגעזאגט ווי דאס „לאנד ־ארבעטער״, וואלט געוועזן ווער ווייסט וואסער מין פראפעסאר...

ווען מיר זענען אראפגעקומען פונם ארבעטס־אמט איז נאך געווען צוויי שעה צייט צום צוג. קודם האבן מיר נאך אריינגעכאפט דאס מיטאג־עסן אין

דער סטודענטן־היים.

מיך האט ארומגענומען א פריילעכקייט. נאך חדשים און חדשים ווידער זיין אויף דער פרייער נאטור. ווייטע אפענע הימלען, אטעמדיקע ערד, די ביינער צעפירן... טאקע שוין א צייט אפגעוואוינט זיך פון פיזישער ארבעט, די הענט פארווייכלעכט, די מוסקולן שלאבריק, אבער נאר א נעם טון דעם שפאטן אין די הענט אריין, די ווידלע ביים אויפהייבן די קארטאפל־בינטן מיט די שטיקער קרוכלע ערד, ווילן זיך די רמ״ח אברים שוין צעקלינגען און צעזינגען.

נאכן אפעסן דאס פאסנע מיטאג זענען די צוויי ברידער שנעל געלאפן אינם נאכט־אזיל אריין נעמען זייערע רוקזעק און איך בין צוריקגעגאנגען אין דער אויגוסט־שטראסע ארויפלויפן צו די בארנשטיינס, צו לעווינען בארגן א יידיש בוך מיטצונעמען מיט מיר, מיך געזעגענען און פון זיי צוגיין צום שטעטינער באנהאף, וואו מיר ווילן זיך טרעפן, באקומען דעם גענויען אדרעס און די בילעטן.

לעווין איז בפירוש געווען דאגעגן, אז איך זאל ווידער אנהייבן מיט פיזישער ארבעט... איך האב א ווייב מיט דריי קינדער און שטארב אויך נישט פון הונגער... מען מוז ווייסן וואוהין מיר געהערן! איין מלאך טוט נישט קיין צוויי מלאכות... און שרייבן איז שוין איינמאל א מלאכה! איך בין אין אייראפע, אין דער קולטור־שטאט בערלין און מוז...

איך האב אים נישט געלאזט ענדיקן. איך האב געזעען אויפן קיך־טיש צווייקע בענדער, איבסנס דראמעס אויף יידיש: „ווילט איר מיר מיטבארגן די צוויי ביכער? ס׳וואלט מיר אפשר מאמענטאל מער געהאלפן ווי אייערע אלע גוטע עצות... עס איז שפעט, איך מוז איילן צום צוג“.

„איר זענט עתיד ליתן דין“! האט זיך דאס פויסטל זיינס געביילט און זיך צעשאקלט און תוך כדי דבור האט זיך זיין מויל — די אפענע פארטרוקנטע וואונד! — ברייט צעשמייכלט: „וואס טוט מען נישט פאר קיין חבר?“ ער האט די ווערטער ארויסגעזאגט ווי ער וואלט דעקלאמירט און די צוויי ביכער פיין איינגעפאקט און מיר דערלאנגט מיט א מין טעאטראלן זשעסט, ווי ער וואלט זיין הארץ מיר דערלאנגט.

ביים געזעגענען זיך, ביים דריקן מיר די האנט, האב איך געפילט, אז ס׳איז נישט קיין זשעסט: ער ברויכט א חבר, א פריינט. ער איז איינזאם... אויפן שטייניקן וועג צום ציל, וואס ער האט זיך עקשנותדיק געשטעלט —

דורך די צוויי־דריי טעג האב איך שוין אלץ געוואוסט פון אים: אויפן וועג קיין ארגענטינע איז ער דא שטעקן געבליבן מיט זיין משפחה. ער איז טובערקולאז... אלע טאג גייט ער אין „שאריטע“ אן איינשפריצונג אויף זיך אויספרובירן צו לאזן — רויט אדער טויט! וועט ער לעבן, וויל ער זיין געזונט און קענען אנגיין מיט זיין ארבעט. אז נישט, לוינט זיך נישט דער גאנצער עסק...

ער איז שוין אהערגעקומען ווי א דראמאטורג מיט דריי געדרוקטע דרא־



מעס אין זיין שריפטשטעלערישן באגאזש... אויבן איבערן „יידישן ארבעטס־אמט“ זענען געווען צוויי ליידיקע בוידעם־שטיבלעך, האט מען זיי אים איבערגעגעבן... מ׳קאן דאך נישט לאזן א יידישן קראנקן שרייבער מיט זיין משפחה הפקר אויף דער גאס...

ער וואוינט שוין דא א שיינע פאר חדשים. די גאנצע צייט ארבעט ער איבער זיין דראמע — „דער גלות“...

ער וואלט מיר די דראמע פארגעלייענט, אבער זי ליגט אויף זיין שרייבטיש אין שלאף־שטוב, וואו די פרוי ליגט פיזיש קראנק, א גייסטיק צעבראכענע. ער וויל דרינען אצינד גארנישט אנרירן... אלץ איז אפענע וווּנד... דאס מיידעלע איז געווען זייער חלום, זיי האבן עס ביידע אויסגעחלומט און — ס׳איז טויט! זיינען זאוי אלע חלומות?... „ניין“! ביילט זיך זיין פויסטל.

דאס אלץ האב איך שוין געוואוסט נעכטן און נאך אייערנעכטן... ער ווייסט זיין ציל און ער מוז אים דערגרייכן! און אפשר איז דאס אויך נאר אזא מין חלום?... קוק איך אויף אים מיט מיינע פארגאפטע אויגן.

נאר איצט, פארלאזנדיק דאס קיכל, וואו ער, דער טובערקולאזער, איז געשטאנען ביים אויוון און געסמארדזשעט עפעס אין א טעפל פאר דער קראנקער און פאר די דריי קינדערלעך, וואס ליגן נאך נישט אנגעטוענע אין צווייטן בעט, האט מיך זיין האנטדריקן אזוי צענומען, אז איך וואלט מיך זיכער צעוויינט ווען נישט מיין ארויסלויפן פונם אנגערויכערטן, הייסן קיכל און מיין אראפלאזן זיך פון אלע טרעפ ווי א ווינט, ווי פון א שריפה ארויסלויפנדיק מיך צו ראטעווען.

ממש א נס איז געשען, דאס מיט דער „קארטאפל־ערנטע“... דרויסן ביי דער נאטור, נאנט מיט דער ערד... גארנישט מער ווייסן, גארנישט מער טראכטן... אויפגיין אין שווייס פון צעארבעטן לייב... און איז דען עפעס גרעסערס דא ווי זיין א יגיע כפיים?... כשר זיך פארדינען ס׳שטיגל ברויט...

גייענדיק צום שטעטינער באנהאף, האלטנדיק די צוויי פיין־פארפאקטע איבסן־בענד אונטער דער פאכווע, האב איך דערפילט, אז איך האלט טאקע דאס טייערסטע זיינס אונטערן ארעם... פאר אים, וואס שניידט זיך פארן קומענדיקן יידישן דראמאטורג, איז דאס דאס זיין ספר־הספרים... ווי שיין ער האט עס איינגעפאקט און ווי זארגעוודיק עס פיין פארבונדן. מען פילט דערין זיין ליבשאפט דערצו —

„שיינדעלע, באלד, כ׳האב דא א חבר, א קאלעגע“, האט ער אריינגערופן אין שלאף־צימער בשעתן איינפאקן.

כ׳האב מיר געוואלט פארשטעלן די „שיינדעלע“, „די פיזיש קראנקע און גייסטיק־צעבראכענע“, אבער פאר מיינע אויגן איז מיר געשטאנען גוסטעס פנים... ניין, דער ווייס־געצויגענער שרינט אין בלאנדן קאפ־האר...

צוקומענדיק צום באנהאף, זענען שוין די צוויי אונגארישע ברידער געשטאנען רואיק און ווארטנדיק, אנגעזאטלט מיט די רוקזעק, און דער בחור פון אפיס־פענסטערל, א נערוועזער, זיך באוועגט אויף די פיס ווי זיי וואלטן

פארצווייפלט געלאפן אהין און אהער און מיט די פלינקע אויגן געקוקט אין אלע זייטן צי איך באוויז מיך...

דערזעענדיק מיך, האט ער אויפגעאטעמט: „געמיינט, אז איר קומט נישט"... כדי עפעס גוטס מיר צו זאגן און ווי מיך צו טרייסטן איבער וואס, האט ער חברים צו מיר געזאגט, אבער די פלינקע אויגן האבן שוין געקוקט אנדערש וואו: „פאסט עס אויף ווי הכשרה, איר זענט דאך א חלוץ".

ביים זאגן מיר זיין „שאלאם", האב איך אים די האנט אומבאהאלפן אויסגעשטרעקט... — איבער דעם פעקל, וואס געהאלטן אונטער דער פאכווע?

„גריסט די ליבע חברה אויבן ביי די בראנשטיינס און גאנץ באזונדער די ליבע" — איך האב געוואלט זאגן גוסטא — „די ליבע צוויי ברידער מרדכי און שיע". כ'האב געפילט ווי זיין נערוועז־צוקנדיקע האנט אין מיינער האט זיך בארואיקט, און זיינע לויפנדיקע בליקן זענען א רגע געבליבן שטיין און גע־קוקט אויף מיר, ווי אין עפעס וואס אויף זיכער זיך צו איבערצייגן.

(המשך פון קאפיטל — אין קומענדיקן נומער)

## אייזיק גאלדבערג

# איינדרוקן פון א מדינת - ישראל - נסיעה

פאר אונז יידן איז מדינת־ישראל נישט קיין לאנד ווי אנדערע לענדער. מיר פילן זיך מער ספעציפיש פארבונדן מיט ארץ־ישראל ווי מיט וועלכן עס איז אנדערן לאנד. דאס באשטעטיקט שוין דאס פילמאליקע באזוכן אט דאס לאנד. מיר פארן נישט קיין ארץ־ישראל, נאר מיר זענען עולה אהין! און וועלכער ייד האט עס נישט דארטן קיין חלק? משפחה־פארבינדונגען, פריינט און דעסטגלייכן דערפירן שוין דערצו, אז מדינת־ישראל וועט פאר יידן זיין אסך מער ווי סתם א טוריסטן־לאנד.

ישראל האט אויך שוין אלע קוואליפיקאציעס מיט לענדער צוגלייך און נעמענדיק אין אנבאטראכט דעם קליינעם פארנעם פון דער מדינה, קען זי זיך אויך פארגלייכן פראצענטועל מיט די פראגרעסיווע לענדער פון דער וועלט.

דערפאר טאקע זענען די איינדרוקן פון א נסיעה קיין ישראל אלעמאל פארשידנארטיק, איבערהויפט ווען מען פארט אהין מיט א שיף און נישט מיט קיין עראפלאן. פונם סאמע ערשטן טאג אן פילט מען שוין א ישראל־אטמאספערע, וואס שטייגערט זיך פון טאג צו טאג. א מין היימישקייט נעמט אייך ארום. איר האט א געלעגנהייט זיך צו באקענען מיט פארשידענע מענטשן. איינער פון אנדערן ווערט געוואויער צוליב וואס מען פארט קיין ארץ־ישראל און כלערליי אנדערע זאכן. דאס אליין מאכט א רייזע נאך פיל אינטערעסאנטער.

אט, למשל, באקאן איך זיך מיט א ישראל פארפאלק, וואס פארן צוריק פון א באזוך ביי זייערע קרובים אין קאמוניסטישן אונגארן. זיי דערציילן אז, דאס לעבן דארט איז נישט איבעריק גוט און משמעות ווייזט זיך א ייד אין יענעם לאנד נישט צופיל ארויס אלס ייד אין דער עפנטלעכקייט...



א צווייט פארפאלק, פון לאנדאן, פארן יעדעס יאר קיין ישראל. דאס איצטיקע איז שוין דאס אכטצענטע מאל זייערס. זיי האבן אין ישראל א פארהייראטע טאכטער מיט קינדער און אויך אין לאנדאן האבן זיי א פאר־הייראטע טאכטער. פילן זיי זיך אזוי ארום פארבונדן מיטביידע לענדער. אט טאקע צוליב טעכטער האבן זיי באשלאסן אנצוהאלטן א מין טראדיציע צו פארן יעדעס יאר קיין מדינת ישראל.

צופעליק האב איך מיך פאנאנדערגערעדט מיט א מאן, וועלכן איך האב נאך געקאנט אין בערלין פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה. איצט לעבט ער אין מאנטעווידעא. ער האט דערציילט פון בערלינער פריינט מיינע, וועלכע האבן זיך אויך געראטעוועט פונם היטלער־גיהנום און לעבן איצט אין מאנטע־ווידעא.

א טשעכישער ייד דערציילט, אז ער האט קינדער אין ארץ־ישראל און אויך אייניקלעך און דאס איז שוין דאס דריטע מאל ווי ער פארט אויף באזוך צו זיי. פארוואס זשע באזעצט ער זיך נישט דארטן? ענטפערט ער, אזוי ווי ס'איז נישט מעגלעך צו טראנספערירן זיין פענסיע מוז ער בלייבן אין דער טשעכאסלאוואקיי. אבער אונטער די טשעכן פילן זיך די יידן דארט עקאנאמיש נישט שלעכט און אפילו רעליגיעזע יידן קאנען זיך פריי דארט אויסלעבן.

א דייטשע פרוי דערקלערט מיר, אז זי פארט שוין דאס פערטע מאל קיין ארץ־ישראל. זי האט דארט א פארהייראטע טאכטער מיט קינדער. איר אייגענער מאן, א ייד, לעבט נישט מער. פינף יאר איז ער אפגעלעגן אין א קאנצענטראציע־לאגער. אויך אין דייטשלאנד האט זי א פארהייראטע טאכטער, נאר מיט א קריסטלעכן מאן. פילט זי זיך אויך אזוי פארבונדן מיט ביידע לענדער. וועגן איר מאן איז זי פארבליבן א יידישע.

אין חיפה, דעם ערשטן טאג נאך מיין אנקומען אהין, טרעף איך א דייטש־קריסטלעך פארפאלק אין א רעסטאראן פארצווייפלט. מיר האבן זיך פריער באקאנט אויף דער שיף. די פרוי וויינט, זיי זענען געקומען באזוכן א יידיש פארפאלק, וואס דער מאן איז ביי זיי געווען אויסבאהאלטן יארנלאנג בעת דער היטלער־מלחמה. איצט נאך א קארעספאנדירן אין משך פון יארן און א באשלוס צו קומען צו גאסט ביי זייערע פריינט אין ישראל האט גראד דער ייד באקומען א הארץ־אטאק און געפינט זיך אין שפיטאל. ער איז ביי זיי געווען פאררעכנט ווי אן אייגן קינד, ווייל זיי האבן איינגעשטעלט זייער אייגן לעבן אים צו ראטעווען פון א זיכערן טויט.

ביים יום־העצמאות, אייניקע טעג שפעטער, האבן מיר זיך ווידער בא־געגנט. זיי האבן שוין אויסגעזען אויפגעלעבט, ווייל זיי האבן געהערט, אז דעם חולה גייט שוין בעסער און זיי וועלן באלד אים קענען באזוכן.

מיט אט די נאך נישט פארהיילטע יידישע וואונדן קומט מען אין בארירונג אויפן וועג קיין ארץ ישראל.

אויך אונזער אייגענע נסיעה האט אן ענלעכע שייכות. מיר זענען איינ־געלאדן אויף א בר־מצווה ביי א קוזין פון מיין פרוי, וואס מיר זענען פון די איינ־

ציקע איבערגעבליבענע פון איר משפחה. כמעט אלע זענען דערמארדעט געווארן פון די היטלער־רוצחים.

פארברענגענדיק צוזאמען, רעדט מען פון אמאל און עס וועקן זיך אויף אומפארהיילטע וואונדן... די זעלבע קוזינע, טאשע, איז א טאכטער פון אן אנגעזעענעם לאדזשער גביר, בן־ציון גאלדבערג, און אן אלעקסאנדער חסיד. אויך איר מאן, יצחק מינץ, שטאמט פון באקאנטע לאדזשער חסידיש־גבירישע קרייזן. ביידע האבן מיטגעמאכט די גרויליקע קאנצענטראציע־לאגערס. איצט וואוינען זיי אין תל־אביב, פירן א בעל־הביתיש הויז, האבן צוויי געראטענע זין. דער עלטערער דינט אין דער ישראל־ארמיי.

אינטערעסאנט ווי ס'ווערט איצט אין ישראל געפראוועט א בר־מצוה גראד ביי מזרח־אייראפעאישע נאציאנאלע און חסידישע קרייזן. קודם־כל האט מען איינגעלאדן די נאנטסטע פון דער משפחה צום פרייטאג־צו־נאכטס שבת־טיש ביים בר־מצוה בחור אין שטוב. באלד האט זיך אנגעהויבן פילן די שמחה־שטימונג.

אזוי ווי די משפחות זענען מערסטנטיילס קינסקער חסידים, האט מען די בר־מצוה צערעמאניע געפראוועט טאקע אין קינסקער שטיבל אויפן היימישן חסידישן שטייגער. מען האט דא געזעען יידן מיט שטריימלעך, מיט אטלאסענע קאפאטעס און אויך גאנץ פיינע מאדערנע יידן.

נאכן דאווענען האט מען זיך ארומגעזעצט ארום די לאנגע טישן און געמאכט קידוש. מען האט פארביסן פון כל־טוב און געטרונקען ביז מען איז צוביסלעך געווארן בגילופין. מען האט געהאלטן ענטוזיאסטישע דרשות און טאקע אויף עברית. אפילו די חסידים אין ישראל האבן זיך שוין אסימילירט... (נאר צווישן זיך רעדט מען נאך יידיש, און איך בין געווען דער איינציקער, וואס האט באגריסט אויף יידיש).

דערנאך איז זיך צוזאמענגעקומען אן עולם פון אן ערך זעכציק מענטשן פריוואט ביים פעטער פונם בר־מצוה בחור; אן אנגעזעענער מאדערנער חסידישער, ייד, א גביר, אין תל־אביב. דא האט מען ערשט געפראוועט א סעודה, מיט אן אייגענעם חזן צו זינגען זמירות, תפילות און יידישע לידער. אויך דער יונגערער עולם האט באוויזן וואס ער קען און געזונגען חלוצישע לידער אויף עברית.

אינמיטן דער וואך, דאנערשטאג אין אוונט, צום געבוירן־טאג פונם בר־מצוה בחור, האט מען געפייערט די גרויסע פארטי מיט עטלעכע הונדערט געסט. דא איז שוין אלץ געווען אויף א מאדערנעם אופן מיט אלע פישטשעווקעס...

ביים עסן האט דער טאאסט־מייסטער אדורכגעפירט די צערעמאניע פון אויפרופן געוויסע געסט צום באגריסן. די נאנטסטע פון דער משפחה האבן אויך אנגעצונדן ליכטלעך אין א גרויסער, דרייצן־רערדיקער קאנדעלאברע (א מנורה אזא) און דער בר־מצוה בחור אליין האט אנגעצונדן דאס דרייצנטע ליכטל.



די יידן אין ישראל, אזוי זאגט מען, האבן איבערגענומען אט די שיינע צערעמאניע פון די אמעריקאנער יידן. אפילו א פראגראם האט מען אויסגעפירט אויף ענגליש. אן אקטיאר אין טעאטראלע פאיאצן־קליידונג האט געזונגען אפערן־לידער. ווי ס'איז צו זעען ווילן אונזערע ישראלים איבערטרומפן די אייראפעאישע יידן מיט מאדערנע צערעמאניעס...

אויך ביי מיינע קרובים האב איך אנגעטראפן אן אייגנארטיקן ישראל־כאראקטער. מיין מומע רחל איז ווי די מאמע רחל אליין. ארום איר באוועגן זיך, קיין עין־הרע, זין, שנירן, קינדער, אייניקלעך און אור־אייניקלעך; א גאנצער משפחה־קרייז פון אריבער א האלבן הונדערט מענטשן, כן־ירבו, אחוץ סתם משפחה־אנגעהעריקע.

מיין פעטער פייוויש, איר מאן, ע"ה, האט נאך אין זיין יוגנט געשטרעבט איינצוווארצלען זיך אין ארץ־ישראל. פארווירקלעכט האט ער עס מיט אן ערך פינף און דרייסיק יאר צוריק. אליין אויסגעוואנדערט פון לאדזש און דערנאך בסדר אריבערגענומען וואס מער פון זיין משפחה־קרייז. דערפאר האלטן די זין לזכר א פאמיליען־בוך, א מין ספר־זכרונות, וואו יעדער איינער איז פארצייכנט מיט שמחות, באגעגענישן אא"וו. געלט, וואס מען איז מנדב, גייט לטובת הכלל.

כמעט אלע האבן א חלק אינם פראדוקטיוון אויפבוי פון מדינת־ישראל. א גרויסע צאל פון זיי זענען פון דער שארית־הפליטה.

בכלל, אז מען קומט אין בארירונג מיט ישראלים געפינט מען זיך ווי אין דער היים. מען רעדט זיך דורך אויף מאמע־לשון, מען פארברענגט היימיש, מען זינגט א יידיש לידל און אויך א העברעאיש זמרל. מען בלייבט זיך איינס ס'אנדערע נישט שולדיק. ס'איז א מחיה!...

מיטן יונגערן דור אבער איז שוין אנדערש. מען פילט א גרויסע מחיצה. צו יידיש באציען זיי זיך פרעמד, באנוצן זיך ליבער מיט אלע גוישע שפראכן ווי מיט יידיש... עס איז גארנישט מקנא צו זיין דעם עלטערן דור, וואס האט נישט באוויזן מיט דער צייט צו קאנען זיך פארשטענדיקן אויף עברית. עס איז אן ענלעך פראבלעם ווי אין די גלות־לענדער מיט דער אסימילאציע.

איך האב בייגעוואוינט א גרויסע, אימפאזאנטע פאראנשטאלטונג אונטערן פרייען הימל. טויזנטער מענטשן, יוגנטלעכע און טוריסטן־געסט, האבן זיך באטייליקט. פארגעקומען איז אט די פאראנשטאלטונג אין טבריה, מיט אילומינאציעס און הילכערס אד"גל. יוגנטלעכע פון פארשידענע קבוצים האבן אויסגעפילט א רייכהאלטיק פראגראם פון תימנער און אריענטאלע טענץ, געקליידט אין פארביקע טראכטן. זיי האבן אויך געזונגען חלוצישע און פאלקסלידער אין עברית, ענגליש, פראנצויזיש, דייטש און שפאניש. אבער קיין חסידישע טענץ האבן זיי נישט אויסגעפירט און אויך נישט געזונגען קיין איין יידיש פאלקסליד, הגם א גרויסע צאל יידיש־ריידנדיקע געסט האבן בייגעוואוינט אט די פאראנשטאלטונג.

אזא באציאונג צו יידיש האט, נאטירלעך, נישט איבערגעלאזט קיין צו

גוטן איינדרוק...

דאך גייט אן אין מדינת־ישראל א זער פארצווייגטע יידישע קולטור־טעטיקייט, הויפטזאכלעך אין תל־אביב, אויף די געביטן פון פרעסע, בוך, טעאטער און געזעלשאפטלעכע צוזאמענטרעפן. מען קאן זיך נאך אלץ אויס־לעבן מיט יידיש אין ארץ־ישראל; זיכער מער ווי אין די גלות לענדער.

די אפיציעלע און העברעאיש־ליטעראַרישע קרייזן האבן לעצטנס אנגע־הויבן ארויסווייזן מער חשיבות צו יידיש. א סימן, אז יידיש קאן דארט האבן א קיום. אלס דאס עס־הספר, קאנען זיך יידן דערלויבן דעם לוקסוס פון צוויי יידישע לשונות, עברית און יידיש. האפנטלעך מיינען די אפיציעלע קרייזן עס באמת ערנסט בנוגע דעם „פראבלעם" פון יידיש. האט דאך דער קאמף קעגן יידיש געברענגט פיל מער שאדן ווי נוצן מדינת־ישראל ווי אויך דעם גלות...

## ש. י. דארפזאן

## ש. איזבאנס היסטארישער ראמאן „יריחו"

צו די 14 ביז־איצט דערשינענע יידישע און העברעאישע ביכער־ראמאנען, דערציילונגען, רעפארטאזשן און נאוועלן, האט דער באקאנטער יידישער שריפטשטעלער ש. איזבאן אונדז מהנה געווען מיט א נייעם היסטארישן ראמאן „יריחו", וועמענס פארכאפנדיקע טעמאטיק האט אין אונדזער דמיון אויפ־געלעבט א געשיכטע פון דער ווייטער, תנכ׳ישער פארגאנגענהייט.

ש. איזבאן איז, האבן מיר אנגעוויזן ביי א פריערדיקער געלעגנהייט, א קרעפטיקער דערציילער און א גרויסער מייסטער פון שילדערן סיטואַציעס און געשעענישן, וואס האבן זיך פארלאפן מיט טויזנטער יארן צוריק. אבער ביי איזבאנען ווערן די היסטארישע עפּאכעס אויפגעלעבט, ווי זיי וואלטן געשען אין אונדזער קעגנווארט.

אזא איינדרוק שאפט זיך, ווען מען לייענט זיין נייעסטן היסטארישן ראמאן, „יריחו", וואס פאראינטריגירט דעם לייענער פון ערשטן ביז צום לעצטן בלעטל פון די איבער דריי הונדערט זייטן! וואס פאר אן עשירות פון בילדלעכע סצע־נעס אינטריגעס און סיטואַציעס! ווי פריש עס אנטפלעקט זיך פאר אונדז די גרויסע געשיכטע פון אונדזער עבר: די מעשה מיט די מרגלים, רחב הזונה, כלב און פנחס, די שטאט יריחו גופא, און צענדליקער אנדערע בילדער ווערן פאר אונדז פריש אויפגעלעבט, וואס ש. איזבאן האט אפגעראטעוועט פון דער פארגעסנקייט!

---

ש. איזבאן איז, ווילט זיך זאגן, א מייסטער אין שילדערן די אלע קאמפ־ליצירטע סיטואַציעס, סיי פון דער פעסטונג־שטאט יריחו, באזירט אויף דער תנ"ך־כראניק, און די ברויזנדיקע תקופה בעת דער דעראבערונג פון דעם לאנד כנען. ס׳איז געווען, ווילט זיך אונטערשטרייכן, א ממש גיגאנטישער



[illegible]

ארבעט, וואס איז — אין תוך גענומען — א הערלעכער סצענאר פאר א גראנדיעזן פילם! דאס וואלט געווען א באמת גרויסער פילם־ספעקטאקל, וואס איז עלול צו פאראינטריגירן יעדן פילם־רעזשיסאר, וואס וויל ארויסברענגען דאס עכטע און רעיעלע פון א פארגליווערטער תקופה, וועלכע ש. איזבאן האט אויפגעלעבט פאר אונדזערע אויגן מיטן כוח פון זיין שרייבערישן טאלאנט!

יעדער געניטער לייענער פון ביכער־היסטארישע ראמאנען בפרט — וואס האט א שטיקל ידיעה אין דער געשיכטע פון אונדזער פארגאנגענהייט, האט געוויס געספּקט, אנהויבנדיק צו לייענען „יריחו" — אויב ש. איזבאן וועט ניט געשטרויכלט ווערן ביים דערציילן די געשיכטע, אויפן פאן פון די דעמולטיקע געשעענישן. מיר מיינען — איבערצוגעבן אין א רעאליסטישן אופן די קאליר־פולע דראמאטישע קאפיטלעך פון דער דעמולטיקער ברויזנדיקער תקופה. און ווייל דער געניטער מחבר פון דעם ראמאן האט זיך נישט געיאגט נאך סתם־סענסאַציעס, נייערט אין די רעאלע פאקטן פון יענער תקופה, איז עס אים געלונגען מנצח צו זיין דעם אזוי־גערופענעם סענסאַציאנעלן יצר־הרע, און גובר געווען די חשד׳ישע דערווארטונגען.

---

דער „יריחו" ראמאן פארמאגט 21 קאפיטלעך. לעולם, פארדינט יעדעס קאפיטל א ברייטע אפהאנדלונג, ווייל יעדער פרט, יעדע איינציקע סצענע איז ווי אויסגעהאקט געווארן פון גראניט! מיר זענען שוין צוגעוווינט צו די פאקטן, אז ראמאנען, בכלל, און היסטארישע ראמאנען־בפרט, זינדיקן אין דער ריינ־קייט פון לשון. אבער ניט ביי איזבאנען! ער איז שטארק מדקדק אויף דער ריינקייט פון יידישן לשון, נישט בלויז אין זיינע היינט־צייטיקע ראמאנען, ווי למשל, „פאמיליע קארפ", „מאסן", „קווער" און אנדערע, איינגעשלאסן דעם רעפארטאזש־ראמאן „אומלעגאלע יידן שפאלטן די ים׳ען". אבער עס שאפט זיך דער בפירושער איינדרוק, אז ש. איזבאן פילט זיך גוט „אין דער היים", סיי אין דעם מאדערנעם, ווי אין היסטארישן ראמאן. אלס משל זאל דינען זיין גרויסער היסטארישער ראמאן „די קעניגין איזבל", וואס איז דערשי־נען מיט א יאר צוריק, וואס האט אים געגעבן די געהעריקע ליטעראַרישע סמיכה פאר דעם איצטיקן היסטארישן ראמאן „יריחו", וואס רופט ארויס אונד־זער אויפריכטיקע אנטציקונג!

ש. איזבאן האט אונדז בפירוש באוויזן — און באשטעטיקט — אז די ביבלישע געשיכטע פון אונדזער פאלק פארמאגט אוצרות מיט מאטעריאל, וואס גארט נאך א תיקון, צו ווערן באארבעט אין ראמאנען, און ש. איזבאן איז, אן שום ספק, דער געאייגנטער און אמייסט־בארופנסטער שריפטשטעלער מתקן צו זיין די דאזיקע אויפגאבע.

---

רחוב הזונה, וואס איז די צענטראלע פיגור אין דעם „יריחו" ראמאן, רופט

ארויס מיטלייד, נישט בלויז דערפאר, ווייל זי איז א „געפאלענע פרוי“, גייערט ווייל זי האסט די שטאט יריחו, וואו עס נעסטיקט די זינד, אויסגעלאסנקייט און דער געצן־דינסט. דער מחבר „באקאנט“ אונדז מיט א גרויסער גאלעריע פון מענטשן: סיטואציעס און סביבות, אויסשפירערס און אינטריגאנטן, אויסגעלאסענע און פארדארבענע מענטשן, וואס פלאנטערן זיך אין דעם זינדיקן מיסט פון דער שטאט, וואס איז געווארן א סינאנים פון אלעם בייזן און שלעכטן.

ש. איזבאן האט באוויזן, אז א היסטארישער ראמאן קאן אויך זיין שפאנענדיק און אינטערעסאנט, אפילו ווען דער מחבר באנוצט נישט קיין סתם — פוסטע און ביליק־אויפגעבלאזענע סצענעס. די פאקטן זענען אזוי עשירותדיק, אז א געניטער און אחריותפולער שריפטשטעלער, ווי איזבאן איז, אן שום מליצה, ברענגט ארויס דאס סאמע אינטערעסאנטע, מיטן כוח פון זיין טאלאנט!

דער „יריחו“ ראמאן, וואס איז דערשינען אינעם פארלאג „יידבוך“ אין בוענאס איירעס, מיט זייער געלונגענע צייכענונגען פון דעם קינסטלער בען אין פאריז, איז בפירוש א זייער געלונגענער יידיש־היסטארישער ראמאן. איך בין איבערצייגט, אז יעדער לייענער פון „יריחו“ וועט זיך דערקוויקן פון דעם בוך, ווי דאס איז געווען דער פאל ביים שרייבער פון די דאזיקע נאטיצן.

א גרויסן יישר־כוח, ש. איזבאן!

### הערי אריעל

## עווא זיידמאן ע"ה

דעם נאמען וועט דאס לאנדאנער פובליקום און די אלע וועלכע זיינען געווען פארבונדן מיטן יידישן טעאטער גאר לאנג געדענקען, ווייל זי איז געווען איינע פון די בעסטע שוישפילערינס וואס מיר האבן פארמאגט. אירע נאענסטע פריינט וועלן זי אויך געדענקען אלס חוה עטינגער די געטרייע און איבערגעבענע פרוי פון פון יצחק עטינגער, וועלכן זי האט איבערגעלאזט אין טיפן טרויער.

עווא זיידמאן האט שטודירט אין קאוונער קאנסערוואטאריום און אנגעהויבן איר קאריערע אין דער אפערא. ווען זי איז אריבער אויף דער יידישער בינע האט זי זיך בארימט געמאכט איבער דער גאנצער וועלט אלס פרימאדאנא אין אברהם גאלדפאדען׳ס רעפערטואר און פארטנירט מיט די גרעסטע שוישפילער. זי איז אויך געווען אן אויסגעצייכנטע דראמאטישע אקטריסע און דערפאר איז איר נישט געווען שווער איבערצוגיין אויף כאראקטער ראלן אין וועלכע זי האט אלעמאל געהאט גרויס דערפאלג.

עס איז אוועק פון אונז א פאראנטווארטליכע אקטריסע מיט „טעאטער בלוט“, וועלכע האט געוואוסט אז וואס עס זאל נישט געשען מוז די פארשטעלונג געשפילט ווערן. ווען זי איז שוין געווען זער קראנק איז זי, נישט קוקנדיק אויף דעם דאקטאר׳ס שטרענגן פארבאט, געקומען שפילן א הויפט־



ראלע אין וועלכע זי איז געווען בעסער ווי אלעמאל. צומארגנס האט מען זי אפגעפירט אין שפיטאל וואו זי איז נאך לאנגע און שווערע ליידן אוועק פון דער וועלט.

א שטערן פון דעם לאנדאנער יידישן טעאטער איז פארלאשן געווארן אויף אייביק.



עווא זיידמאן

## דער פידלער אויפן דאך

קודם זאל דערלויבט זיין א שטיקל התנצלות פון א רעדאקטער, וואס קאן נישט לייסטן צו צאלן זיינע מיטארבעטער קיין האנאראר און ממילא זיינען זיי נישט מחויב צו צו שטעלן זייערע ארבעטן פונקטלעך צו דער מינוט. אבער א זשורנאל מוז דאך ארויס אויב נישט צו דער מינוט איז — צום חודש. מוז ער במחילה פארקאשערן זיינע ארבל און מיט ברייטע זאק־נאדל שטעך דעם ריס צו פארלאטען, ביז די צוגעזאגטע ארטיקלען וועל אי״ה אנקומען.

מיטן „פידלער אויפן דאך״ טוט זיך דא אויף טישן און אויף בענק; אלע צייטונגען זיינען פול דערמיט און לויבן אין הימל אריין. און די בילעטן זיינען שוין אויספארקויפט אויף וואכן און חדשים.

און ווי דער שטייגער איז און עולם כמנהגו נוהג שיקט מען קיין יידישן זשורנאל קיין בילעטן נישט צו.

טא מוז אזא רעדאקטאר, במחילה, מוחל זיין און ארויפקריכן אויב נישט אויפן דאך איז כאטש אונטערן דאך: קויפן א בילעט אויף דער גאלעריע אין א פראסטן מיטוואך צו א מאטינע.

און דאס איז אלץ וואס א רעדאקטאר, א בן־שבעים, קוים זיך ארויפגעשלעפט די הונדערטער שטיגן און קוים וואס די ציטערדיקע שפאקולן האלטן זיך אים אויף זיין פון פארדרוס ציטערנדיקע נאז — אז וואס קאן ער שוין זען אויבן, אז די בינע איז אינטן און ער זיצט אויפן „טאפ״.

מילא איבער טאפאלן האבן אלע צייטונגען שוין געשריבן, וועל איך בארירן מיט א ווארט — איבער טוביהן. און אים, אונזער טביהן, קען איך דאך ווי מיינע צען פינגער.

א כלל צום ענין: שלום־עליכמען ווי מען זאל נישט שפילן, אויסטייטש, אויסטאנצן, אויסזינגען, בלייבט ער אלץ שלום עליכם — זיינע יידישלעכע ווערטער רייסן זיך אדורך צומאל אין איבערזעצונגען — זיי פארלירן נישט דעם יידישן ניגון.

אבער וואס מיר ווילן צולייגן איז אט וואס: בשעת דאס יידישע טעאטער פון פוילן האט דא געגעבן זיינע גאסט־שפילן, האט מען געהאט טענות צו זייער טביה־אויפפירונג הלמאי פעפערל קומט ארויס קאמוניסטיש. ווילן מיר איצט בלויז צולייגן, אז כוועטקע גאלאגאן קומט ארויס צו ליבעראל — ער פאסט ממש אריין ווי א צענטער צו מנין אין א זונטיקדיקע רעפארם־סינאגאגע.

דער סוף איז א „העפי־ענד״ מיט רייזע־פיבער, נישט שלום־עליכמסעכטע טרער, וואס ציטערט א גוט געשליפענע ווי אן אכצן קאראטיקער איידלשטיין.

## א רעדאקטער גיט זיך אן עצה...

און אצינד, צו מיין אייגענער דימאנטענער חתונה, צו מיין זיבציקסטן געבוירן יאר, אזוי צו צוזאגן. „פטור בלא כלום״ איז טאקע „אי אפשר״! אבער אפצודרוקן די אלע רעדעס איבער מיר, ווי מאנכע האבן פערלאנגט פון מיר:



„נישט פאר מיין כבוד, וועגן נאר פארן כבוד פון יידיש, פון דער יידישער ליטעראטור״, האב איך דאך נישט דאס רעדאקטארשע הארץ דערצו — כ׳וועל יוצא לגבי מיין עניות און מיין גדלות, מיטן אפדריקן דעם צוגעשיקטן איט״א־באריכט.

און אצינד וועל איך מיר אויך דערלויבן א פאר טרוקענע ווערטער ווי א רעדאקטאר, ווי א קאלפראטער.

מילא, לידער שרייבט מען אזוי לאנג, ווילאנג די פעדער באוועגט זיך פאר דער נאז. אבער א רעדאקטירער, וואס ווערט שוין א בן שבעים, ווי לאנג וועלן נאך אנגיין די כוחות צום רעדאקטירן, אז די אויגן זיינען צומאל שוין מיד צום קארעגירן. און ווי לאנג נאך קאן איך אנגיין, מישטיינסגעזאגט, מיט מיין קאלפארטירן, אז די פיס שטייען שוין נישט צו לויפן פון איין פערזאמלונג צו דער אנדערער — באמת, דער לעצטער ווינטער איז מיר שוין געווען צופיל, קוים כ׳האב אים דערשלעפט, כ׳האב נישט געוואלט באנקראטירן: אויב ווערן שוין א גאנצער „פענסיאנער״, זאל עס זיין מיט זיבעציק...

איז מיין פארשלאג, אז אצינד ווי דער יידישער וועלט־קאנגרעס, די ציוניסטישע ארגאניזאציע האט א ווארעמערע באציאונג צו יידיש, זאלן זיי צוזאם מיט „די יידישע קולטור־געזעלשאפט״ ביים פועלי־ציון, מיט דער הילף פון יידישן ארבעטער רינג, מיט די פאר אקטיווע פרייט פון „פריינט פון יידיש לשון״, זאלן זיך אלע צוזאם א ביסל אנשטרענגען און ארויסגעבן א גוטן ליטערארישן זשורנאל, מיט א ריכטיקע רעדאקציע, מיט א יונגען רעדאקטאר, אזוי ווי ס׳געשען אין אלע יידישע ישובים.

אויב דער לאנדאנער יידישער יישוב איז קיין עין הרע בכוח צו זאמלען מיליאנען ענגלישע פונטן פאר מדינת ישראל, מיליאנען פונטן אויסגעבן פאר יידישע דערציאונג, פאר סינאגאגס און אנדערע נויטיקע קהילהשע אינסטיטוציעס, קאן דער יישוב, נאך אפקארגן די פאר נויטיקע פונט צו האבן א גוטן יידישן ליטעראַרישן זשורנאל, אז עס זאל זיין א שטאלץ פאר, ישוב און די שרייבער וואס ווינען דא.

## א ווארט צום טאג פון דר. אדענאוערס טויט

נישט נאר די נעא־נאצי־צייטונג־בלעטלעך האלטן אין איין באווייזן, אז די „יודן אויסראטונג״ איז נישט געווען אזוי גרויס ווי „די יודן שרייען״, נאר צומאל שוין דייטשע גלויביקע קארדינאלן נעמען שוין צווייפלען צי ס׳איז טאקע געווען 6,000,000 פארטליקטע... מוז מען נאכזאגן א שבח דר. אדענאוער, אז ער האט אפט דערמאנט די דייטשע שולד, אין די 6,000,000 — יא צוגעגעבן די שולד! אבער נישט, אז ס׳איז א קאלעקיווע שילד פון גאנצן דייטשן פאלק.

און נאך איינס אויב מ׳קאן ריידן פון „גוטע דייטשן״, איז ער מסתם דר. אדענאוער, געווען דער גוטער דייטש נומער 1, ווי ס׳זאגן עדות אויף אים בן גוריון און דר. גאלדמאן. און ס׳איז דאך אויך ער געווען דר. אדענאוער וואס

האט פון דעם אפגערויבט יידישן פארמעגן, וואס גייט אין די מיליארדן פון ענגלישע פונטן, דאך געגעבן פאר מדינת־ישראל א פאר ישראל־מיליארד צו אויפבוי פון דער מדינה און אויך פאר די געבליבענע פליטים.

פאר דייטשן פאלק בלייבט דער געשטארבענער זיכער איינער פון די העלדן פון זייער געשיכטע, ווייל אט דורך זיינע „גוט־מאכונג" לגבי די יידן, מיטן „חטאך בצדקה פרוק", איז דאס דייטשע פאלק צוריק אריינגענומען געווארן אין די חברותא פון אייראפעאישע פעלקער... אבער די מנה תיקל־וואנט, בלייבט אלץ נאך שטיין, ביז די קאלעקטיווע שולד וועט נישט אנערקענט ווערן.

צי איז דען נאר א צופאל, וואס גראד דער טויט, פון דר. אדענאוער, דאס גערופן ווערן צו זיין לעצטן יום־הדין, אזוי צוזאגן, פאלט גראד אויס פונם 19׳טן אפריל, אינם טאג פונם ווארשעווער געטא־אויפשטאנד?

ש.

## שטענצל — א בן - שבעים

איט״א נייעס ביולעטין, נום. 132, פון 29׳סטן מערץ, 1967, לאנדאן

א גרויסער עולם פון אנגעזעענע מענטשן האט אנגעפילט דעם זאאל אויף דין־סטריט צו פייערן דעם 70סטן געבורטסטאג פון אברהם נחום שטענצל, דעם דיכטער און רעדאקטאר פון „לשון און לעבן", וואס דערשיינט שוין כמעט אכט און צוואנציק יאר אן אן איבעררייס. שטענצל אליין שטאמט פון טשעלאדז, אין פוילן, או א צאל יארן האט ער געלעבט אין בערלין און אין האלאנד. אהער קיין ענגלאנד איז ער געקומען ווי א פליט פון נאצי־פארפאלגונגען, אין יאר 1936, און דא לעבט ער עד־היום אין דער איסט־ענד.

יוסף פרענקל, וועלכער האט געפירט דעם פארזיץ פון דער פארזאמלונג, וואס איז אראנזשירט געווארן מצד דער בריטישער סעקציע פון יידישן וועלט־קאנגרעס און דעם פאריין פון יידישע שרייבער און זשורנאליסטן, האט געזאגט אין זיין דערעפענונגס־רעדע, אז אברהם נחום שטענצל האט געמאכט א בולטן און וויכטיקןביישטייער נישט בלויז צו דער יידישער פאעזיע, נאר אויך צום יידישן לעבן בכלל אין ענגלאנד. מיר מוזן אויסדריקן אים אונזער אנערקע־נונג נישט בלויז בנוגע זיין טאלענט אלס א דיכטער נאר אויך בנוגע זיין אויסדויער אלס רעדאקטאר פון א ליטעראַרישן זשורנאל אין שווערע אומ־שטענדן.

ש. י. גאלדשמידט, אייראפעאישער רעדאקטאר פון דער יידישער טעלע־גראפן אגענטור, האט אין זיין רעדע געזאגט אט וואס: „שטענצל שרייבט נישט סתם יידיש, ער פארשפרייט „יידישקייט", וואס באטייט יידישע לומדות און יידיש וויסן אויף אלע אספעקטן. משפט מען אים לויט זיינע בעסטע פאעמעס — און דאס איז דער איינציקער אופן צו משפטן א פאעט — שטייט שטענצל אין די רייען פון די בעסטע יידישע דיכטער פון איצטיקן יאר־הונ־דערט".

איבערגעטראגן אויף לעצטן זייט

די אלגעמיינע הזכרה פון יידישע אינ־סטיטוציעס און פאראיינען פון ווארשעווער געטא־אויפשטאנד קומט פון דעם 7׳טן מאי 3 אזייגער דרור־לען־טעאטער.

• • •

ביי דער ביכער־וואך האט דר. מאיר גערט־נער גערעדט איבער מענדעלע מוכר ספרים און יוליאן גאלד האט דעקלאמירט א קא־פיטל פון בנימין השלישי.

• • •

ש. ז. שרגאי האט אויף אן אוונט אין דין סטר. איינגעאדנט פון יידישן שרייבער פע־ראין, יידישער וועלט קאנגרעס און ציו־ניסטע פעדעראציע איבער עליה און די לאגע אין ישראל, דעם פארזיץ האט געפירט יוסף פרענקל. באגריסט דעם חשובן גאסט הארענדארף אין נאמען פון שרייבער פע־ראיין, ש. גאלדשמיד אין נאמען פון יידישן וועלט קאנגרעס, אברהם ריכטיגער אין נאמען פון פועלי ציון, דער פארזיצער פון די ציוניסטישער פעדעראציע, מר סילק און פון מזרח דר. שפערבער.

• • •

דאס אקטיארן פאר סעם גאלבערג און עלען ווינאגראד וואס זיינען צוריקקומינ־דיק פון אמעריקע אויפגעטרעטן דא אויף איניקע אוונטן, זיינען אפגעפארן קיין ישר־אל, ווו זיי וועלן דארטן אויך אויפטרעטן מיט זינגען יידישע פאלקסלידער.

• • •

**מאיר נוסענבום** וועלכער איז יארן לאנג געוועזן טעטיק אין לאנדאן מיט יידישער קולטור־ארבעט, וווינט יעצט אין נוי יארק, אויף זיין נסיעה נאך ישראל וועט ער דא שבת דעם 6־טן מאי 1967 ביי די שבת נאכמיטאגס איבערגעבען אבאריכט פונם יידישן קולטור לעבן אין אמעריקא.

א הארציגן מזל טוב פריינט שטענצל צו זיין 70 יאריגן געבורטסטאג איך ווינטש אים נאך פיל מער געזונטע און דערפאלגרייבע יארן.

עלא זילבערג

## צום 70׳סטן יובל יאר

פונם דיכטער און אונזער פריינט א. נ. שטענצל, ווינטשן מיר אים, נאך א סך געזונטע יארן מיט פרוכטבאר גייסטיקן שאפן אויף׳ן געביט פון דער יידישער ליטעראטור און יידיש לשון, פאר וועלכעס ער האט געווידמעט זיין גאנץ לעבן.

אייזיק גאלדבערג און פרוי צביה

## יידיש ליטעראַרישע שבת - נאכמיטאגס

(33 בערנער סטר. א.1. 3 א זייגער)

שבת, דעם 6׳סטן מאי — מאיר ניסנבוים א פארטראג איבערן יידישן קולטור־לעבן אין ניו־יארק.

שבת, דעם 13׳טן לייענען פון בן־א סאכאטשעווסקיס לידער און דערציילונגען.

שבת, דעם 31׳סטן — א פארטראג פון יעקב ריכטיגער מכוח פסח שני.

שבת, דעם 28׳סטן — א ל״ג בעומר פראגראם. נעט רובין, מאיר באגדאנסקי.

יוסף לעפטוויטש, וועלכער האט איבערזעצט א צאל פון שטענצלס לידער אויף ענגליש, האט אין זיין רעדע אנגעוויזן ווי אפט מען האט שטענצלען אונטערשעצט, — אן אומפארמיידלעכע זאך פאר א יידישן דיכטער אין א לאנד, וואו מען רעדט ענגליש. אבער א גרויסע צאל פון זיינע לידער זענען אמתע ערל. ווער עס קען אים, דער שעצט אים סאי אלס פאעט און סאי אלס פריינט.

ד״ר יעקב מייטליס האט געזאגט אין זיין רעדע, אז אחוץ וואס שטענצל איז אן אויסגעצייכנטער דיכטער, איז ער אויך איינער פון יענע, וואס האבן פארזיכערט דעם המשך פון יידישן לעבן. ער האט מיט זיך אהערגעברענגט דאס בעסטע פון דער מזרח־אייראפעאישער יידישער טראדיציע.

מיט קורצע רעדע און באגריסונגען זענען אויפגעטרעטן ש. ה. הארענדארף, אין נאמען פון די יידישע שרייבערס; ד״ר מאיר גערטנער און י. נאטאני, אין נאמען פון יידישן וועלט־קאנגרעס; ד״ר לעא שאפלער, אין נאמען פון דער ציוניסטישער פעדעראציע; מיכאל זילבערבערג, אין נאמען פון ייוו״א; ד״ר שלמה בירנבאום, פענסיאנירטער פרעלעגענט איבער אלטע העברעאישע כתבי־יד און איבער יידיש לשון אויף דער לאנדאנער אוניווערזיטעט; א. ראלין, אין נאמען פון ארבעטער־רינג; פרוי א. זילבורג, אין נאמען פון „פריינט פון יידיש־לשון“; ע. חנך, אין נאמען פון סינאגאגן־ראט ביי דער ציוניסטישער פעדעראציע; י. ריכטיגער; ב. נאראד; אייזיק גאלדבערג, און מאיר צעלניקער, דער בארימטער אקטיאר.

צווישן די צוגעשיקטע בריוו איז געווען איינער פון ד״ ריאאכים פרינץ, פארזיצער פון דער פרעזידענטן־קאנפערענץ אין אמעריקע און פון פארוואלטנדיקן ראטן פון יידישן וועלט־קאנגרעס, אן אלטער ידיד פונם פאעט נאך אין זיין בערלינער צייט און אנדערער פון י. ל. פיין, דעם וועטעראן און ארבעטער־פירער, איצט שוין אין זיינע אכציקער יארן און קען מען נישט ארויסגיי פון שטוב; א דריטער פון י. קארנהענדלער, אין נאמען פון דער יידישער גרופע ביים וועלט־קאנגרעס אין פראנקרייך.

---

**מיר בעטן אונזערע אבאנענטן, זיי זאלן צושיקן זייער אבאנאמענט אפצאל.** דערמיט וועלן זיי פיל פארלייכטערן אונזער אויבעט.

---

## ווערט א מיטגליד פון „פריינט פון יידיש־לשון“

---

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—

'LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS.

COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND